START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1889.7

Glanz-Leyeless, A.
Shelomoh Molkho :
dramatishe poeme in
tsen bilder.
Vilne, 1926.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004- 1889.7

Glanz-Leyeless, A. (Aaron), 1889-1966.
Shelomoh Molkho : dramatishe poeme in tsen bilder / A. Leyeles.
Vilne : B. Kletskin, 1926.
194 p. ; 22 cm.

1. Molkho, Shlomo, ca. 1500-1532--Drama. 2. Yiddish drama.--lcsh
I. Lithuania-Vilnius

ID : NXYH01-B5730 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /4986

Reduction ratio X 10.0

2/4986

שלמה מולכו

א. לעיעלעס

שלמה מולכו

דראַמאַטישע פּאָעמע אין צען בילדער

1926

ווילנער פארלאַג פון ב. קלעצקין

י. אָפּאַטאָשון

Printed in Poland

Copyright 1926 by A. Glauz
A. Lejeles. — „Szlojme Molcho“ (Dramat).
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno.

פּערזאָנען:

שלמה מולכו — דיאָגאָ פּירעס

דוד ראובני

דודס סעקרעטאַר

דבורה

קעניג יאָאַן 3

קעניגין קאַטערינאַ

סאַלוואַדאָר, קאַרדינאַל, דעם קעניגס קאָנפעסאָר

דאָם מיגועל

דאָם דואַרטע

דאָנאַ אינעז

דאָנאַ פּיליפּא

דאָם דיניז

יוסף קאַראָ

משה טראַני

שלמה אַלקאַבעז

אברהם הלוי ברוכים

פּרץ קאָלאָבי

בן־זמרי

יעקב מאָנטין

יוסף פון אָרלי

חיים מעדינאָ

קאַרדינאַל דא ביביענאַ

פויפסט קלעמענס דער זיבעטער

מאַרקיזין איזאַבעלאַ דיעסטע

קייסער קאַרל 5טער

אַלווּאַראָ דע לוגאָ, הויף־מיניסטער

גיאָם וואַן־דע מאָל, קאַנצלער

איזאַבעלאַ, קאַרלס הײַב, קייסערין

מאַרי, קעניגין פון אונגאַרן. קאַרלס שוועסטער

קעניג פערדינאַנד, קאַרלס ברודער

ערשטער גלח, צווייטער גלח, ע־שטע פרוי, צווייטע פרוי, יידן, באַדינער, זעלנער, המון.

בילד 1

סאַלוואַדאָר, קאַרדינאַל, דעם קעניגס קאָנפעסאָר.

דיאָגאָ פּירעס — שלמה מולכו.

באַדינער.

אין פּאַלאַץ פון דעם פּאָרטוגעזישן קעניג יאָאַן III, אין אַ צימער פון דעם הויף־גייסטלעכן, קאַרדינאַל סאַלוואַדאָר. סאַלוואַדאָר זיצט, קענטיק נערוועז, בלעטערט אַ בוך, האַלט זיך אין איין אַרומקוקן, קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

ס'קומט אַריין

באַדינער:

ס'איז דיאָגאָ פּירעס, עמינענץ.

סאַלוואַדאָר:

פיר גלייך אַריין אים.

דיאָגאָ פּירעס:

באַווייזט זיך אין טיר, סאַלוואַדאָר לויפט צו אים צו.

סאלוואדאָר:

מיין דיאַנאַ! ענדלעך ביסטו דאָ.
ווי בלייאיק די מינוטן זענען מיר געפאַלן אויפן האַרץ,
ווי אומצייליק זיי זענען דאָס געווען.
נו, זיי געבענטשט אין נאָמען פון דעם פאָטער, פונם זון...

דיאַנאַ פירעס:

הער אויף! ~~הער אויף!~~
איך וויל נישט די באַגריסונג.
איך גיי מיט פרייד צו דיר,
ווייל כ'ווייס, כ'וועל וויניקסטנס אַ האַלבע שעה
מיין האַרץ נישט דאַרפן שניידן
מיט מעסערס פון געהיימען שקר,
נישט דאַרפן זאָגן ווערטער,
וואָס זענען מיר אַזוי דערווידער.

סאלוואדאָר:

זיי פאַרזיכטיק, מיין זון,
און נישט פאַרגעס זיך אין דיין יונגשאַפט,
אַז ביסט אין פּאַלאַץ פון דעם קעניג.

קוקט זיך אַנגסטיק אַרום.

דיאַנאַ פירעס:

דער קעניג! ווי וואַרט איך אויף דער שעה
ווען כ'וועל דעם קעניג און זיין נאַריש ווייב,
דער גאַנצער חברה גראַנדן,
שוין קאָנען זאָגן ס'וואָרט,
וואָס רייסט זיך פון די ליפּן מיר,
~~וואָס ברענט מיין אינגעווייד~~
~~ביז דולקייט.~~

סאלוואדאָר:

דו האַלטסט זיך אַלץ ביים דייניקן.
און איך האָב דיר אַהער גערופן
צו שטילן און צו קילן מיט דער עצה פון ערפאַרונג
דאָס הייסע בלוט פון יונגער ווידערשפּעניקייט.
איך האָב דיך ליב, דיאַנאַ,
ווי ס'האָט נאָר ליב אַ פאָטער,
וואָס ער אַליין
איז קיינמאָל נישט געוועזן
פון קיינעם — דער געליבטער זון.
כ'האָב דיך גערופן, דיאַנאַ,
דיך אָפּצוהאַלטן פון דיין אייליקער כונה,
וואָס קאָן פאַרוואַנדלען זיך אין ערשטן פלאַם
פון אַ פאַרצערנדיקער שרפה.

דיאַנאַ פירעס:

אומזיסט די רייד, סאלוואדאָר.
~~הההאי~~, איך בין יונג.
נאָר כ'טראָג אין בלוט ביי מיר די אַלטקייט
פון גאַנצן פאָלק.
כ'קוק אויף דיין גראָען קאָפּ, סאלוואדאָר,
איך פאַרש אין דיינע אויגן,
און זע דיך דאָ, ווי איינעם פון די ליידענדע, פאַרטריבענע.
ווען דו זאָלסט זיין אַ יידישער פאַרקויפטער קנעכט,
און ס'זאָל דיין לייב געדראָשן ווערן
פון בלינדן, ווילדן אויפזעער דאָרט ערגעץ אויף די ווייטע
אינזלען —

ווי וואָלסטו ליבער מיר געווען!
ווי וואָלט אַ יידיש לייב, אַ וואונדיקס, אַ צעפּאַסעוועטס,
געפּאַסט פיל בעסער דיר, סאלוואדאָר,
ווי אָט דער פיינדלעך-פרעמדער צלם אויף דיין ברוסט...

סאלוואדאר:

איך זע דעם זעלבן צלם אויך אויף דיינער.

דיאגא פירעס:

כ'וועל אים אראפּוואַרפן!
ער פּרירט מיין ברוסט,
ווי ס'פרירט א בליק פון שונא,
א האנט פון אפנארער.

סאלוואדאר:

שא... שטילער...

דיאגא פירעס:

איך האב געהאט א חלום:
דריי טויבן זענען איבער מיר געפלויגן.
ס'איז איינע שווארץ, די צווייטע גרין, די דריטע ווייס געווען.
ווי בלענדיק ווייס!
מסתמא, ווי די שנייען אויפן חרמון,
ווי ס'איז געווען די טראכט פון כהן גדול.
די שווארצע טויב —
דאס זענען אונזערע ברידער פארזונקען אין דער טומאה.
די גרינע — דו און איך,
וואס טראגן נאך גאטס אמת אין דעם הארץ,
און דעקן זיך אין קלייד פון שקר.
די ווייסע — איך אליין,
נאר שוין אן אנדערער, א נייער און גערייניקטער,
וואס וועט דאס ליכט פון הארצן רייסן,
און טראגן צו דער וועלט ארויס,
צו לויכטן אין דער פינצטערניש, וואס וויקלט איצט די ברידער
אין אלע ווינקעלעך פון גארער ערב.
סאלוואדאר! ווי לאנג וועסטו זיך וואקלען איבערן תהום
פון נאכטיקער צעשפּאלטנקייט?

א, קום מיט מיר — זיך לאזן אויף די פליגל
פון ווייסן אמת!

סאלוואדאר:

ביסט שיין ווי יוסף,
ווי ער — א זעענדיקער פותר חלום.
[redacted] איך, איך גיין מיט דיר?
בין אלט, מיין זון.
די יארן בויגן מערער אלץ מיין ווייסן קאפּ צו רו,
און באטש דאס בילד פון מיינע ברידער, די געפּייניקטע,
טרייבט ביז דעם שלאף פון מיינע מידע אויגן,
און כאטש דער ליגן פון מיין וואכיק לעבן
שפייט אין דעם הארץ מיר יעדן טאג —
בלייב איך שוין דא.
איך האב קיין ברודער נישט, קיין קרוב.
מען האט א קינד מיך פון דער היים אוועקגעריסן,
געשמדט מיך הארצלאז.
און וויפיל מענטשן אין דעם לאנד
פארסמט יעטוועדן טאג די קנאה —
צו מיר.
א נידריקער מאראן —
א קארדינאל, דעם קעניגס גייסטלעכער.
א, וויפיל יידן שיקן שטעכעדיקע פיילן
פון קנאה אין מיין הארץ!
איך זע די בליקן זייערע,
איך הער די שלעכט-פארשטיקטע קללות,
אין גאס, אין קלויסטער,
און אומעטום, וואו ס'פירט מיין הויכער ראנג מיך.

דיאגא פירעס:

און דו אליין, סאלוואדאר,

דיין הארץ און דיין געוויסן!
איז שטיל דערשטיקט אין דיר די שטים פון יעקב?

סאלוואדאר:

די שטים פון יעקב!
מיינסט, דיאגא, יידן זענען בעסער, ווי די גוייס?
איך שטיי ביים ראנד פון לעבן,
דערנאך — איך ווייס נישט וואס דערנאך,
און כ'טראכט:
זאל איך צוריקגיין?
צו וועמען?
דו ווייסט ווי ס'האבן מיאוס די יידן דארט אין רוים געארבייט
מען זאל אהין נישט לאזן די פארטריבענע פון שפאניע.
געציטערט האבן זיי, די ברידער,
געשראקן זיך עס זאל דער יידישער, פארהאסטער נאמען
נישט צופיל קלינגען אויף די גאס-שטיינער פון רוים.
די שטים פון יעקב האבן זיי באנוצט צו מסרן,
צו מסרן די אומגליקלעכע פאר דעם מיאוסן אונטערקויפער,
מערדער, נואף

קוקט זיך ארום.

וואס איז געזעסן דעמאלט אויף דעם ליגנערישן שטול פון פעטער.
ראדרינא בארדזשיאן האבן זיי געטראגן בערג מיט גאלד
ער זאל די טויערן פון רוים
פארשפארן פאר די גולים פון קאסטיליע און פון ארעגאן.
אפילו ער, דער ערשטער דארט,
וואו ס'איז א שאנד צו זיין דער לעצטער, מינדסטער,
האט נישט געקאנט פארטראגן.
ער האט די מוסרים און שטיינהארציקע,
די גייסטע קרעמער און געוויסן-שאכערער
פון זיך פארטריבן,
און דאן באשטראפט

מיט נאך מער גאלד —
ווי ס'פאסט א בארדזשיאן.
זאל איך צוריקגיין צו די דאזיקע?
און דו?
אויף יעדן ייד, וואס וועט פאר דיר די ארמס עפענען
און רופן „ברודער" דיך,
וועלן אויפשטיין צען,
וואס וועלן נישט פארגינען דיך,
דיך מסרן,
און זען אין דיר א שטער פאר זייער האנדל,
געפאר פאר זייער האב און גוטס און זיכערקייט

דיאגא פירעס:

נישט דו דארפסט שטיינער שליידערן אין די,
וואס ציטערן פאר זייער זיכערקייט.
נישט מיר — דעם גוט באווארנטן באאמטן פון דעם קעניג,
דארפסטו עס זאגן.

סאלוואדאר:

נישט בלויז מיין זיכערקייט היט איך, דיאגא.
עס איז מיר שלעכט.
און ווייניק נחת האב איך פון די ווייסע טויבן דיינע,
די טריי-געבליבענע, געיאגטע יידן.
איך טו, וואס כ'קאן.
אמאל פארווארף איך א גוטווארט פאר זיי דעם קעניג,
דו ווייסט, ווי שווער דאס איז.
דו ווייסט, ווי שוואך עס איז יאאן,
און וויפיל ס'שארן זיך פארדאכטן אויף זיין שוועל,
ווי לייכטזיניק זיין הארץ,
ווי ס'ווילט זיך אים די אינקוויזיציע איינפירן,
ווי ס'רייצט אים רק זיין קעניגין —

די בייזע בלום פון צוויי צעדולטע שפאניערינען:
יאַנאַ — איינע, און די צווייטע איזאַבעלאַ.

דיאגאָ פירעס:

יאָ, כ'ווייס ס'איז שווער.
דערפאַר — וואָס שנעלער מאַך אַ סוף דערצו.
סאַלוואַדאָר, שטאַרק זיך, קום מיט מיר!
די צייט איז נאָענט, די צייט איז רייף.
ס'איז רוים שוין ביזן האַלדז פאַרזונקען
אין טומאה.
און דאָ אין פּאָרטוגאַל — זיי ווערן ווילד און טיריש
פון רייכקייט און פון גוטס.
עס ווערן נייע לענדער אַלע טאָג אַנטדעקט,
און ס'ברענגען שיפן טעגלעך גאָלד און זילבער,
און וייך, געווירצן, אומדערנקבאַרע אוצרות.
דער קעניג טראַכט נאָר וועגן נייע קריגן,
און צערטלט נאָר זיין גרויסקייט און זיין רום.
די גראַנדן רויבן, קוילן אויס דאָס פאָלק,
און ס'שרייט דאָס אומרעכט צו דעם הימל.
דאָס פאָלק איז דול פון נויט, פון הונגער און פון פאַלשקייט.
מגפות טויטן זיי און טוויגנטער,
אין צען־טויזנטער — מלחמות.
ס'גייט אונטער, אונטער פּאָרטוגאַל,
כאָטש ס'מיינט דער הויף פאַרשכורט —
איר קאָפּ שפּאַרט שטאָלץ זיך אָן
אין העכסטן וואָלקן אויש —
פון כבוד, גרויסקייט און עשירות.
ס'מוז ליסאַבאָן, די שטאָט פון וואוילטאָג און פון נויט
באַזויפענע,
ווי נינוה און ווי בבל, אומקומען.
די ענדע פון יאַאָן דעם דריטן...

סאַלוואַדאָר:

שאַ, שטילער, זון מיין, שטילער.

דיאגאָ פירעס:

די ענדע פון יאָאַן דעם דריטן
וועט זיין די־זעלבע, ווי בלשאצרס.
ווי ועסטו דאָס נישט איין, סאַלוואַדאָר?
מיט מיר סאַלוואַדאָר, קום!
איך האָב געהאַט אַ חלום...

סאַלוואַדאָר:

דו האָסט זיך צופיל אָנגעלייענט
מיט די פאַרבאָרגענע, פאַרנעפּלענדיקע שריפטן.
זיי האָבן דיר דעם קלאָרן קאָפּ פאַרטומלט,
און ס'בוידן דיינע ליפּן קינדערשע דייד.
געוועזן שוין, — שוין געוועזן פאַר דיר אַזוינע,
וואָס האָבן רופן איבער זיך געהערט
פון וועלטן אַנדערע.
זיי האָפן גאַרנישט אויפגעטאָן.
דעם שטריק פון שלעכטס און אומרעכט
פאַרצוונגן בלויז נאָך שטאַרקער.
ער, ער איז אויך אַזוי געקומען,
האָט אויך געהערט, געזען און אויך גערופן.
און ער איז דאָך געווען אַן אונזעריקער, אונזער ברודער...

דיאגאָ פירעס:

ווער?

סאַלוואַדאָר:

ווייזט אויפן צלם
ז ... [handwritten: ווייזט אויפן צלם]
און זע, וואָס איז געוואָרן

פון זיינע לערן,
~~[illegible]~~
~~ראַדינאַ באַרבושיאַ, בושוליאַ דע לאַ ראַגוערבע~~ —
זיי זענען דאָך געווען זיינע שטעל-פאַרטרעטער.
זיין וואָרט זאָגט יעדער ליגנער אין מאָנאַכן-קליידער,
ווען ס'שמעקט זיין זשערנע נאָז דעם ריח
פון אַ פאַרברענטן ייד, צי מאור.

דיאַגאָ:

(הערט אים ווינציק)

איך האָב געחאַט אַ חלום.
איך בין פאַרויסגעריטן פאַר אַ גאַנצן פאָלק.
ניט יידן נאָר,
עס זענען אַלע פעלקער דאָרט געווען
און מיך מיט זייער ליבע אָנגעטריבן.
נאָר איך בין נישט געווען רוהיק.
איך האָב געזוכט.
איך האָב געזוכט דעם פאַרלויפער,
וואָס קומען מוז פאַר מיר.

סאַלוואַדאָר:

קבלה! קבלה!
משיח וויל נישט קומען,
און דו וועסט אים נישט ברענגען.
צי אפשר מיינסטו גאָר, אַז דו אַליין...

דיאַגאָ פירעס:

שוויג!
ניט צי פון מיר ארויס דאָס וואָרט נאָך,
וואָס שרעקט זיך פאַר זיין פורעם,
אַנטלויפט אין ווייטסטן טראָפּן פון מיין בלוט,

פאַר אַ קלאַנג און פאַר געהערטקייט.
ניין! ניין!
ניט דאָס האָב איך געמיינט.

סאַלוואַדאָר:

נו, רוהיק, דיאַגאָ.
כ'האָב נישט געוואָלט דיך אָנרירן.
~~איך בעט דיך בלויז:~~ פאַרענק זיך.
ניטאָ אפילו וועם צו העלפן,
דען נישט די גויים, נישט די יידן אויך פאַרדינען,
אַז דו זאָלסט דיין יונג לעבן פרובן אויף דער שווערד פון אַ סכנה,
~~וואָס איר געזיכט איז נאָר צום טויט געווענדט.~~
~~פאַרדינען נישט, דיאַגאָ.~~
אים (צייגנדיעק ווידער אויפן צלם) האָבן זיי געקרייציקט
און דיך...

דיאַגאָ פירעס:

דערמאָן מיין נאָמען נישט מיט זיינעם.
ס'איז אַנדערש, אַנדערש,
ס'וועט אַנדערש אַלעם זיין.

סאַלוואַדאָר:

(פאַרשטייט ניט, וואָס דיאַגאָ מיינט)

און אויב דו ווילסט די ברידער העלפן, נישט דערלאָזן,
עס זאָל יאָאַן, צי קאַטערינע, איינפירן די אינקוויזיציע,
קאָנסטו עס בעסער דאָך,
ווען זאָלסט פאַרבלייבן, וואָס דו ביסט.
ביסט יונג, דיאַגאָ,
דיין שטערן פינקלט ליכטיק אין דעם הימל,
און שטייגסט און שטייגסט אַלץ אויף דעם לייטער,

וואָס זיין אלהעכסטער שטאָפּל
פאַרליר'ט זיך צווישן די געציילטע, גרעסטע
פון דער מלוכה.
יאָאַן האָט ליב דיך,
עס שוועבט דיין נאָמען אָפט מיט צערטלעכקייט אויף זיי־
נע ליפּן
און קאַטערינע — אויך זי פאַרגעסט גאַנץ אָפט,
פון וועלכן שטאַם עס שפּראָצט דיין שיינקייט.
קאָנסט ווערן פון די מעכטיקסטע אין פּאָרטוגאַל.
אין רוים וועט איצט קלעמענט דער זיבעטער,
איז קלוג און האָט דעם בויגעוודיקסטן שכל,
נאָר אויך דאָס ווייכסטע האַרץ,
וואָס איז אַרויס פון שוים פון די מעדיטשיס.
ער וועט דיר זיין אַ פעסטער אָנלען
אין דיינע מיהונגען פאַר די פאַרפאָלגטע ברידער.

דיאָגאָ:

נישט דאָס, נישט דאָס, סאַלוואַדאָר.
איך וויל נישט העלפן בלויז די ברידער קעגן גזירות.
איך וויל נישט אָפּדינגען ביים קעניג אַ הנחה,
נישט בעטלען ביי דעם פּויפּסט אַ טובה,
געמאָסטן מיט דוקאַטן.
כ'וויל עפּעס אַנדערש.
כ'וויל זיך פאַרענטפערן,
געפינען זין פאַר מיינע איינענע פאַרוווירטע זינען.

סאַלוואַדאָר:

כ'פאַרשטיי נישט.
וואָס פעלט דען דיר, !
דעם ליבלינג פון גאַנץ ליסאַבאָן,
דעם אָנגעלייגטסטן גאַסט ביים הויף?

דיאָגאָ:

איך קאָן איצט גאָרנישט זאָגן
איך ווייס נאָר דאָס:
באַלד וועל איך מער נישט זיין דער ליבלינג,
און אַלץ וועט אַנדערש ווערן.
באַלד וועל איך מער נישט זיין אויך דיאָגאָ פּירעס...

סאַלוואַדאָר:

דו האַלטסט זיך ביי דאָס דייניקע? !

דיאָגאָ:

יאָ,
דאָס גיין צוריק צו די פאַרפאָלגטע און געפּייניקטע —
דאָס איז די ערשטע מאָנונג,
וואָס איך מוז צאָלן גלייך.

סאַלוואַדאָר:

גלייך?

דיאָגאָ:

יאָ, גלייך,
און אפשר איז עס נענטער ווי איך ווייס אליין.

סאַלוואַדאָר:

מיין זון, מיין דיאָגאָ, ווייס:
איין פעלערדיקער שריט
און קאָנסט מיט גאָר דיין לעבן נישט באַצאָלן.

דיאָגאָ:

כ'בין גרייט מיט אַלע מיינע לעבנס צו באַצאָלן.

סאלוואדאָר:

איך מיין נישט דאָס
הער, דיאָגאָ,
היינט אוונט איז ביים קעניג אָן עמפּפאַנג,
דו ביסט געלאָדן?

דיאָגאָ:

יאָ,

סאלוואדאָר:

ווי דען?
ביז היינט ביינאַכט וועסטו נאָך גאָרנישט טאָן?
דו זאָגסט מיר צו?

דיאָגאָ:

ווי קאָן איך צוזאָגן?
עס ווענדט זיך נישט אָן מיר.

סאלוואדאָר:

נו, נו, זאָג צו, ס'וועט רעכט שוין זיין.

דיאָגאָ:

גוט.

סאלוואדאָר:

וועסט זיין היינט ביים עמפּפאַנג? געווים.
דאָרט וועסטו זען
מיט וויפיל דו קאָנסט העלפן זיי — די ברידער,
אויב נאָר דו ווילסט.

דיאגאָ:

פאַרשטייסט מיך נישט, סאַלוואדאָר...

סאלוואדאָר:

ווי קאָן דאָס גרויע האָרע פון עלטער
פאַרשטיין און נאָכלויפן דאָס הייסע בלוט פון יוגנט?
נאָר כ'האָב דיך ליב,
און ווייס וואָס גוט פאַר דיר.
וועסט היינט ביים קעניג זיין און זאָגסט מיר צו
ביז דאָן צו זיין אַ ביסל יאָרן־רייכער,
ווי ס'וועט דיין אימפּעטיק געמיט
דיך אָנרעדן?

דיאגאָ:

נו, גוט, סאַלוואדאָר.

סאלוואדאָר:

הייך אין נאָמען פון דעם פאָטער, זון און הייליקן גייסט
טאָ גיי געזונט.

ביי דער שוועל צלמט ער אים איבער

דיאגאָ:

כמורעט זיך אָן, אָבער גלייכט זיך באַלד ווידער אויס. אָפּ.

סאלוואדאָר:

שטייט אַ ווײַלע שטאַרק פאַרטראַכט און שאָקלט שמערצלעך מיטן קאָפּ

בילד II

דאָם מיגועל.
דאָם דוארטע.
דאָנא אינעז.
דאָנא טערעזא.
דאָנא פיליפא.
סאלוואדאָר.
דיאָנאָ פירעס — שלמה מולכו.
קעניג יאָאן 3.
קעניגין קאטערינא.
דאָם דיניז.

עמפפאנג פון קעניגלעכן פאלאץ אין פארטוגאל. דער זאַל איז פול מיט הויכע שטאַאטסלייט, הויף־דאַמען, גראַנדן, גייסטלעכע־מען רעדט, מען לאַכט, מען שפּאַסט — אַלץ אין אויפגעי־רעגטער ערוואַרטונג. פון די פאַראַד־טרעפּן לאָזט זיך אַראָפּ סאַלוואַדאָר. אַלע לויפן צו צו אים, באַשיטן אים מיט פראַגן. עס הערט זיך: „אָט איז דער קאַרדינאַל, ער וועט שוין אונז דערציילן. ״דערצעלט אונז, עמינענץ, מיר זענען אומגעדולדיק. „ס׳איז עפּעס וויכטיקעס, ניט אמת? וויבאַלד דער קעניג לאָזט אונז וויסן נאָך פאַר דעם קאָרטעס?״ סאַלוואַדאָר פּרובט אָפּוועגדן די פראַגן.

סאלוואדאָר:

ווארט אָפּ, לאָז יעדער באַזונדער פרעגן.
און אויסער דעם:
פון וואַנען זענט איר זיכער, אַז איך ווייס?
זיין מאַיעסטעט, גאָט זאָל אים שענקען לאַנגע יאָרן,
פון הערשאַפט און פון נוצלעכקייט פאַר אונזער קירך,
וויים ווי אַ סוד צו האַלטן.
זיין גייסט איז אַ געזונטער, בליענדער בוים,
און ס׳פאַלט אַראָפּ די פּרוכט פון זיינע פּלענער, טראַכטונגען,
ניט פריער,
ביז זי איז רייף.

דאָם מיגועל:

נו, ניט אַזוי באַשיידן, קאַרדינאַל.
מיר ווייסן, אַז זיין מאַיעסטעט טוט נישט קיין זאַך,
ביז זי ווערט דורכגעזיפּט
אין דער געפּרובטער דינער זיפּ
פון אייער חכמה און געניטקייט.
דערציילט:
וואָס איז דער אומגעווייגלעך־גרויסער צוועק
פון היינטיקן צונויפרוף?

דאָם דוארטע

איז אמת, וואָס מען זאָגט,
אַז ס׳האָט וואַסקאָ דאַ גאַמאַ אַ נייע ערד געפונען,
און אונז פון דאָרט צוריקגעבראַכט אַזוי פיל גאָלד
אַז נישט קאַסטיליע בלויז — מיט אַראַגאָן אַלס צוגאָב —
נאָר גאַנץ אייראָפּאַ וועלן מיר איצט קאָנען קויפן און
פאַרקויפן?

דאָנא אינעז:

און איך האָב גאָר געהערט,
אז דאָרט אין יענעם לאַנד איז דאָ א קוואַל,
וואָס אז מען טויכט דאָס לייב אין אים אָפּ,
גלייך ווערט מען אזוי יונג און שיין,
ווי נאָר מען וויל אליין.

דאָם מיגועל:

די פרויען-אויערן,
זיי הערן דאָס, וואָס ס'וויל פאַרנעמען זייער געהער —
און וואָס ער קאָן פאַרשטיין.

דאָנא אינעז:

צום שטאאטסמאן

אוראי, נו, דער דאָם מיגועל, זעט איר,
זיין אויער בענקט נאָך נייע לענדער בלויז.
זיין האַרץ גייט אויס,
אז ס'זאָל דער פעפער-האנדל בליען גאָלדיק, געלדיק,
אז ס'זאָל דאָס קיניגרייך נאָך גרעסער, שטאַרקער ווערן.

דאָנא טערעזא:

איר מיינט דאָך נישט, אז דאָם מיגועל
טראַכט גאָרנישט פון דעם קיניגרייך פון הימל?

סאַלוואדאָר:

געבענטשט די פרויען!
פאַרגעסן נישט אין גאָר די ערדישסטע מינוטן
דעם רוף פונם אייביקן און וואָרן לעבן!

דאָם דוארטע

דערציילט-זשע, אייער עמינענץ,
וואָס פאַר א נייס, ס'וועט דער היינטיקער, ספּעציעלער אָוונט
אונז ברענגען.
נאָך א מדינה פאַר דעם קרוין?
דעם קירצסטן וועג קיין אינדיע?
נאָך הערלעכע אינזלען, ווי עס זענען די אזאָרעס?
נאָך ווייטערע מקומות, ווי ס'איז לאַבראַדאָר?
אָן אָפּמאַך מיט אַן אפריקאַנישן סולטאַן?
צי טאַקע גאָר א נייער קוואַל פון געלט-פאַרמערנדיקן פעפער?

דאָם דיניז:

שוין ווידער פעפער, פעפער!
עס האָבן שוין אזוי פיל בראווע פּאָרטוגעזן
דאָס לעבן אין די ווייטע ווילדקייטן פאַרלוירן,
דאָס גאָלד אין פעפער זוכנדיק.
אז איך בין גרייט זיך צו באַגיין אָן דעם געווירץ אין מיינע שפּייזן,
אַבי דאָס פאָטערלאַנד זאָל נישט זיין מקריב טרייע בירגער,
און אויך נישט דאַרפן אונז באַגליקן מיט די מיאוסע נעגער-שקלאַפן
פון אומבאַקאַנטער אפריקע —
צו מערן און פאַרמערן
דעם קעניגס אונטערטאַנען.

דאָנא טערעזא:

אָהאָ, דאָם דיניז,
כ'ווייס ווירקלעך נישט, וואָס ברענט דאָ העלער —
דער פלאַם פון ווייץ, צי ס'פייער פון זיין ליבע צו דעם פאָטערלאַנד.

דאָם דיניז:

ברוגזט זיך אָז, ענטפערט ניט

דאָם מיגועל:

צו סאַלוואדאָרן

ווען ווען, עמינענץ,
זיך ענדלעך אייערע ליפּן עפענען?

סאַלוואדאָר:

וואָס אזוי נייגעריק, דאָם מיגועל?
אַ קורצע ווײַלע נאָך,
און איר וועט הערן פון זיין מאַיעסטעט אַליין.

פון די טרעפּן קומט אָן דיאָגאָ פּירעס. ער נייגט זיך צו אַלע דאַמען און הערן. גייט צו צו סאַלוואדאָרן און קושט אים די האַנט. סאַלוואדאָר נעמט אָן זיין האנט און קוקט אים פאַר־שעמדיק אין די אויגן. איידער וואָס ווען רינגלען די דאַמען ארום דיאָגאָן און פירן מיט אים אַ לייכטזיניק־לוסטיקן גע־שפּרעך. סאַלוואדאָר און די שטאַאטסלייט בלייבן זיצן אין אַ ווינקל שמועסן. סאַלוואדאָר צלמט זיך אָפּט און יעדעס מאָל כאַפּט ער דערבײַ אַ קוק אויף דיאָגאָן.

דאָנאַ אינעז:

איר, דיאָגאָ פּירעס, וועט אפשר רעדעוועדיקער זיין,
ווי אייער אַלטער פריינט סאַלוואדאָר?
וועט איר דערציילן אונז,
וואָס פאַר אַ סודות ס'האַלט באַהאַלטן
דער קיניגליכער אויפנאַם היינט?

דיאָגאָ פּירעס:

איך ווייס אַליין נישט, דאָנאַ אינעז,

און עס פאַרדריסט מיך,
וואָס כ'קאָן אייער דאָרשט נאָך נייעס
בלויז אָנבאָטן דאָס זאַלץ פון מיין אומוויסנקייט.

דאָנאַ אינעז:

שוין ווידער בייסיק, דאָן דיאָגאָ?
ווי שנעל איר שלייפט דעם שווערד פון אייער שאַרפזין.
און איך, מיין קאַבאַלעריאָ, האָב געהערט,
אז ס'האָט דער קעניג אונז גערופן
צו לאָזן וויסן אונז די נייסטע, הערלעכסטע אנטדעקונג פון
דאַ-גאַמאַן:

אָן אינזל ערגעץ לעבן...

זיך ווענדענדיק צום יינגן דאָם דיניז

ווי הייסט דאָס נייע לאַנד, דאָם דיניז?

דאָם דיניז:

וואָס האָט די גאנצע צייט געקוקט מיט כעסדיקער אייפערזוכט אויף דיאָגאָן

איר מיינט מסתם בראַזיליע.
ס'וואָלט נישט געשאַדט, אז ס'זאָלן שוין די דאַמען אונזערע
אויך וויסן מיט וועלכע נייע נעמען
עס האָבן פּאָרטוגאַלס באַרימטע שילד באַרייכערט
די קעניגען יאָאַן דער דריטער
און מאַנועל דער גליקלעכער...

דאָנאַ אינעז:

ניט אַכטענדיק אויף אים

אַ, יאַ, בראַזיליע.
עס האָט דאַ-גאַמאַ ערגעץ דאָרט ארום דעם לאַנד
געפונען אזא אינזל,

וואו ס'שלאָגט אַ קוואַל פון זיבן פאַרבן,
און ווען מען טוקט זיך איין אין אים,
גלייך ווערט מען שיין און יונג
און שטאַרק באַגערט.

דיאַגאָ:

שטאַרק באַגערט!
דער חלום פון די פרויען.
כ'פאַרזיכער אייך, מיין שיינע דאָנאַ,
אַז יעדער קאָן אָנציילן פיל הויכע לייט אין דער מלוכה,
וואָס ווינשן און באַגערן אייך.

דאָנאַ אינעז:

און איר, מיין דיאַגאָ פירעס?

דיאַגאָ:

אַ דאַנק פאַר אייער קאָמפּלימענט.
נאָר שוין צו ווייט גייט איר מיט אייער ווילן זיין באַגערט.
האַלט איר ביי מיר שוין ווירקליך,
דעם קלענסטן פון די קליינע אין דעם לאַנד?

דאָנאַ טערעזאַ:

אַ, ווי באַשיידן, דיאַגאָ פירעס.
ווי איר אַליין וואָלט נישט געוואוסט,
אַז אייער אויג זעט אין דעם שפּיגל
דעם שענסטן מאַן פון פּאָרטוגאַל,
און אפשר דעם באַגערטסטן.
ס'האָט מיר די שוועסטער עלינאָר דערציילט,
אַז ווען די נאָנעס זעען אייך אין קירך,
פאַרגעסן זייערע ליפּן מורמלען תפילות,
און ס'פרעסן מער די הענט נישט פרום די ראָזאַרי.
די אויגן פון די נאָנעס גלעטן נאָר די צירכלעכע געשטאַלט

און גליטשן גלוסטיק זיך איבער די געטאָקטע פיס
פון שיינעם דיאַגאָ.
איז אמת דאָס?

דיאַגאָ:

נו, כ'ווייס נישט.
און נישט צו ענטפערן דאַרויף
האָט אונז דער קעניג היינט אַהער גערופן.
זיין מאַיעסטעט וועט באַלד מסתמא קומען.

דאָנאַ טערעזאַ:

עס וועט נאָך דויערן געוויס.
מיר קאָנען נאָך פאַרברענגען.
און אייער ענטפער איז נישט ווייניקער אינטערעסאַנט,
ווי דאָס וואָס ס'וועט דער קעניג אונז דערציילן.
נו, זאָגט...

דיאַגאָ:

איר שטעלט מיר אין פאַרלעגנהייט, מיין דאָנאַ.
איר גיט מיר דאָ אַן אויפגאַבע,
וואָס יאָ און ניין צו זאָגן,
איז גלייך אַ פּאַסטקע נאָר צו פאַנגען מיך.
כ'זאָל זאָגן יאָ — הייסט מודה זיין,
אַז כ'טו אין קירך נאָר עפּעס אַנדערש
ווי בעטן גאָט.
נאָר זאָגן ניין — הייסט צוגעבן,
אַז כ'בין פיל נאַרישער, ווי כ'גלויב אַליין,
און וויל, אַז אַלע זאָלן גלויבן.
ס'וועט אייער פראַגע בלייבן אומבאַענטפערט,
מיין דאָנאַ.

במורעט זיך אביסל אָן, קענטיק, אז ער איז געלאנגווייליקט און ס'פארדריסט אים, וואס ער מוז שפּילן דעם קאוואליער

דאָס דיניז:

באַנוצנדיק זיך מיט דער געלעגנהייט צו רעדן

געקומען שיינע צייטן דאָ אין פּאָרטוגאַל.
אַמאָל האָט מען געהערט אין אונזערע קאַנצעיראָס,
ווי ס'האָבן ריטער הויך געפּרייזט די בענטשונג
פון פרויען שעמעוודיקייט,
און פרויען-טוגנד.
און איצט פאַרראַטן פרויען-מיילער
גאַנץ אַנדערע און גאָר נישט נאָבעלע באַגערן:
נאָך שיינע מענער-קערפּערס!
אפילו נאָנעס אין דער קירך...

דאָנא טערעזאַ:

שלאָגט אים איבער

וואָס פאַר אַ צדיק ס'איז דאָס דיניז!
פאַרוואָס נאָר איז זיין טוגנד אַזאַ לויפּערקע?
פאַרוואָס לויפט נאָך זי דיאָגאָ פּירעסן
און מען געפינט זי נישט ביי אים,
ווען ער איז מיט זיין שאָטן בלויז?

דאָס דיניז:

וויל ווידער עפּעס זאָגן בייז, אָבער ער ווערט אונטערבראָכן פון דיאָגאָ פּירעסן

דיאגאָ פּירעס:

נו, רוהיקער, דאָס דיניז,
און ווייניקער געשטאָכן זיך,
איר, מיינע דאַמען.
יאָ, שיין, נישט שיין —
איר ווייסט, די צייט האָט גאָרנישט קיין רחמנות.
און ווייניק יאָרן,

און ס'שענסטע לייב
איז בלויז אַ מאוסע, ווערטלאָזע דערמאָנונג.

דאָנא אינעז:

ס'רעדט דיאָגאָ פּירעס
גאָר ווי אַ יוסף.

דאָנא טערעזאַ:

ער איז געווים פיל שענער,
ווי יענער איז געוועזן ווען.

דאָנא פיליפּאַ:

וואָס איז ביז איצט געשטאַנען אָן אַ זייט און בלויז זיך צוגעהערט צום געשפּרעך — האַלב פאַראינטערעסירט, האַלב פאַראַכטלעך — פאַרליבט, קענטיק, אין דיאָגאָן, ערנסטער ווי אירע קאָלעגינען, ווענדט זי זיך צו אים.

פאַרדריסט אייך ווירקליך, דאָס דיאָגאַ,
אַז אָפן זאָגט דאָס פרויען-מויל,
וואָס ס'אויג באַוואונדערט?
איז שיינקייט דען פון לייב צו שעמען זיך געגעבן?
און האָט באַשאַפן גאָט אי פּראַכט, אי מאוסקייט
בלויז אין אַ קאַפּריז?

דיאגאָ פּירעס:

ווערט פאַראינטערעסירט. פיליפּאַ געפעלט אים. זיין פאַרבאָרגן-סעקסועלע נאַטור ברעכט זיך דורך, ווען ער זאָגט:

ניין, נישט קאַפּריז, דאָנא פיליפּאַ,
און מיר איז ליב צו הערן אייער שטים
נישט בלויז ווייל ס'קלינגט אין אייערע רייד

דער נאָבעלער מעטאַל פון קלונגשאַפט, וויסן.
דער רוף פון שיינעם לייב...

דאָנא פיליפּא:

איז אייך אַליין נישט פרעמד.
נישט אמת, דאָס האָט איר געוואָלט דאָך זאָגן?

דיאגאָ:

יאָ, נאָר...

דאָנא פיליפּא:

נאָר וואָס? איר שעמט זיך?
איר טראַכט, עס פּאַסט נישט.
דאָס לייב איז אומריין.
דאָך זיינען איצטער צייטן אַנדערע.
אין זוניקער איטאַליע
האָט אויפגעבליט און רייף געוואָרן נייער וויסן פאַר דער
וועלט.
עס ציען מחנות זיך אַהין פון אַלע ווינקלען.
די נייערס זענען די געלערנטע, פילאָזאָפן, קינסטלער פון
אייראָפּע,
און זייער לאָזונג: דאָרשט נאָך אמת
נאָך נייער אָפּענבאַרונג.
און וואָסער נייע בשורה האָט געשאַלט פון רוים, ווענעדיג
און פלאָרענץ?
דער מענטש! ווי ער איז וואָרהאַפטיק,
זיין לעבן און זיין אויסזען.
די ערד און פרייד מיט ערד,
און אויסגיסן די פרייד אין שפּילעוודיקע פאַרבן אויפן לייוונט,
אין מאַרמאָרנע און בראָנזענע קאָנטורן.
אַנטציקונג פאַר דעם לייב פון מאַן און פרוי —

איז דאָס נישט שיין, איז דאָס נישט הימליש?
און קען מען זען דעם הימל גופא
מיט בלינדקייט צו דער ערד?

דיאגאָ:

אַביסל פאַרוואונדערט

שוועך בייצושטיין אייך, דאָנא פיליפּאַ
ווער קאָן זיין גלייכגילטיק צו אַלע וואונדער-זאַכן,
וואָס האָבן אויפגעלויכטן
דאָרט ביי די ברעגן פון אדריאַטיק, פון ארנאָ, און פון טיבער?
ווער קאָן נישט פילן,
אַז העל האָט דאָרט דער אמת זיך געריסן
זיין פנים צו אַנטפּלעקן?...

דאָנא פיליפּא:

דער גרויסער אמת,
וואָס גריכנלאַנד, די גאָט-געבענטשטע, זוניקע, האָט
אַנגעזאָגט דער וועלט,
און וואָס איז פופצן הונדערט יאָר געווען פאַרשאָטן
מיטן שימל פון די קלויסטערס,
מיטן שטויב פון ווערטער-פאַלשקייט וועגן זעל און הימל.
נאָר ווידער לויכט אַדורך דער אמת.
די ערדישע, די גריכיש-העלע פרייד...

דיאגאָ פירעס:

ניין, ניין, די פרייד פון ערד איז נישט גענוג,
נישט מיר צום הארצן.
בלויז האַלבע שיינקייט, בלענדיש זעט דער,
וואָס קוקט נישט, וויל נישט קוקן טיפער...

אין זאַל ווערט מיטאַמאָל שטילער. אויף דער העכסטער טרעפּ באַ-
ווייזט זיך אַ העראָלד, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פון דער קעניג-

לעכער פאָר. עס קומען אריין אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע הויף־לייט קעניג יאָאן און קעניגן קאַטערינאַ. דאָס קעניגלעכע פּאָר זעצט זיך אין באַזונדערע שטולן. די קעניגין פאַרנעמט פּלאַץ נאָענט נעבן דיאָגאָן. דיאָגאָ פאַרנייגט זיך טיף פאַר איר, און זייריידן עטלעכע ווערטער.

קעניג יאָאן:

מיר האָבן פאַר אייך גאָר וויכטיקע ידיעות.
ס'איז אונזער לאַנד אי גרויס אי רייך,
און אונזער נאָמען קלינגט מיט ערפורכט
אין אינדיע, אין אַראַביע, און אין פּערסיע.
נאָר דאָך איז אונזער זעל נישט גליקלעך,
און אונזער האַרץ איז נישט באַזונט מיט פולער רו.
דאָס הייליקע, דאָס ליבע לאַנד,
וואו ס'איז דאָס ליכט פון אונזער וואָרן, ריינעם גלויבן אויפגעגאַנגען,
איז אין די הענט פון די אומגלויביקע.
אין אַפריקע און לעבן אונזערע אייגענע גרעניצן
ווערט פרעך די טרייע מוטער-קירך באַליידיקט און פאַרשוועכט.

סאַלוואַדאָר:

אַ קוק טוענדיק אויף דיאָגאָן, וואָס קערט זיך אָפּ

ווי גליקלעך איז די קירך,
וואָס אָט אַזאַ געטרייער זון אירער
איז מעכטיקער מאָנאַרך פון פּאָרטוגאַל,
האַר פון ערּאָבערונג,
געביטער פון דעם האַנדל מיט אַראַביע, אינדיע, פּערסיע.

יאָאן:

ס'באַנגערט אַלץ שטאַרקער אונזער האַרץ

צו שטעלן אָט דאָס הייליקע, געליבטע לאַנד
צום דינסט פון גאָטס אַלטאַר,
און אונטער אונזער גענעדיקער ענידע.
ס'ברענט אונזער זעל מיט דאָרשט ארויסצוראַמען
די אומריינקייט פון אומגלויבן,
וואָס חושכט אַלץ נאָך אויף דער ערד.

קעניגין קאַטערינאַ:

האָב איך שוין לאַנג געראַטן אייער מאַיעסטעט
צו ברענגען אויך אין פּאָרטוגאַל די ברכה פון דער אינ-
קוויזיציע,
וואָס שיינט שוין לאַנג ביי מיר אין מוטער-לאַנד,
אין שפּאַניע.
דער פלאַם פון דעם אויטאָ-דאַ-פע
איז דער געניטער רייניקער פון אומגלויבן.
ווי לאַנג אַן אומריינער און פאַלשער ייִד צי מאור
וועט נאָך מיט לעסטערדיקע טריט
באַאומרוהיקן דאָ די ערד,
וועט אונזער קירך ווי אַ פאַרשעמטע וויינען.
בין איך גערעכט, סאַלוואַדאָר?

סאַלוואַדאָר:

עס רעדט מיין קעניגין ווי די געטרייע טאָכטער
פון איר גאָטספאָרכטיק לאַנד,
די בראַווע טשעמפּיאָנין פון דעם וואָרן גלויבן.
נאָר כ'הער, עס האָט זיין הייליקייט,
דער פּויפּסט אין רוים,
אַן אַנדער מיינונג.

דיאָגאָ פּירעס:

מיט שווער־קאָנטראָלירטער רוהיקייט

מוז פּאָרטוגאַל אין אַלעם נאָכטאָן שפּאַניע?
ביים הויף אין רוים פאַרגינען נישט די שפּאַניער,
וואָס אונזער אַמבּאַסאַדע איז די גרעסטע, רייכסטע
און דאָ אין פּאָרטוגאַל אַליין —
די שפּאַנישקייט קריכט דורך אין אַלע שפּאַרעס
פולט אָן וואו נאָר אַ לויזער שטעג.
וואָס האָט די אינקוויזיציע אויפגעטאָן אין שפּאַניע?
געוויס. די פלאַמען האָבן שוין גענוג אַראַבּישע און יידישע
נשמות אויסגעלייטערט,
נאָר אויף דער ערד —
וואָס האָט די קריסטלעכע אמונה דען געוואונען?

דאָם דיניז:

מער צו דער קעניגין און האַלב אין פליסטער

דאָם בלוט פון דיאָגאָ פּירעס!
ס'פארפלוכטע יידן-בלוט רעדט חוצפּהדיק אין אים נאָך.

קאַטערינא:

וויל אים ניט הערן

ס'פּאַסט דיאָגאָ פירעסן נאָך מער צו זיין אַ קאַוואַליער,
דערציילן זיינע שיינע טרוימען,
צי גאָר פאַרפאַסן קלינגענדע קאַנצעיראָס
כ'בין זיכער:
ער וואָלט געוואָרן שנעל דער ליבּלינג פון די מוזן,
ווי ער איז אונזערער,
נישט אמת מיינע דאַמען?
דאָך אין די פיינקייטן פון גלויבּן און פון שטאַט זיך
מישן —
מיר וועלן אים פאַרגעבּן,

צום קעניג און סאַלוואַדאָרן

זיין הייליקייט אין רוים וועט זיכער איינשטימען,

אויבּ אייער מאַיעסטעט וועט נאָר באַשטיין אויף דעם פאַרלאַנג,
צו ערן פּאָרטוגאַל מיט דער גענאָד
פון הייליק גרויסן טריבונאַל.
ס'וועט אויך קלעמענט דער זיבעטער
באַמיען זיך געווים צוליב צו טאָן
דעם גרויסן קעניג פון די פּאָרטוגעזן.

יאָאַן:

וואָס איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק, וואָס מען האָט אים אַזוי לאַנג אונטערבּראָכן

מיר וועלן היינט נישט ריידן וועגן איינפירן
די אינקוויזיציע אין אונזערע מדינות,
מיר ווילן לאָזן וויסן אייך,
אַז נאָענט זענען אפשר שוין די טעג
פון נייע צוגן אויסצולייזן דאָס געליבּטסטע אָרט
אין קריסטנטום;
אַז אפשר זענען שוין די נעכט
פון דער ממשלה פון אומגלויבּיקע אין דעם געבּענטשטן לאַנד
געציילט.
די בּראַווע גאָטספּאָרכטיקע ריטער און סאָלדאַטן אונזערע—
זיי וועלן נישט גערופן ווערן
דעם קאַמף אַליין צו פירן.
זיי וועלן אפשר מוזן טיילן דעם נצחון
מיט אַנדערע.
דאָך וועלן זיי אויך האָבּן שטאַרקע העלפערס
אין די סכנות,
מיט וועלכע גאָטס פאַרשטעלטער ווילן
קומט אונז צו פּרובּן.

עטלעכע שטאַאטסלייט:

אַ נייער קרייץ-צוג? און מיט שטאַרקע העלפערס?

אנדערע:

און ווער וועט העלפן אונז?
איטאַליע? ענגלאַנד? שפּאַניע? פראַנקרייך?
צי אפשר גאַר דער אימפּעראַטאָר?

יאָאַן:

גערולדיק, מיינע הערן, ס'איז אַ סוד נאָך.
און ס'איז אַזוי אומגלויבלעך,
גאָטס וועגן זענען אונז אַזוי נישט צו פאַרשטיין,
אַז כ'וואָלט ווי איר געוואונדערט זיך,
ווען כ'זאָל ביי מיר נישט האָבן בריוו, אויטענטישע פּאַפּירן.
אַ בריוו פון פּאָטער הייליקן,
קלעמענט דעם זיבעטן פון רוים.
אַ בריוו פון אונזער אַמבּאַסאַדאָר דאָרט.
אַלץ מיט די זיכערסטע באַוואָרענישן,
מיט אָנזאָגן, אַז ס'ווייזט אַ נייע גרויסע צייט
איר חסד און איר ליבע
דער קירך-געטרייער פּאָרטוגאַל
מיט הילף פון גאָט
און אונטער אונזער גענעדיקער עגידע.

שטאַאַטסלייט:

דאָך ווען? און ווער?
ווער זאָל עס אונזער שותּף זיין?

יאָאַן:

וואַרט אָפּ אַ ווײַלע, צו פאַרגרעסערן דעם עפעקט

אַ יידישע אַרמיי.
געקליבענע גבורים,
פון אַ פאַרבאָרגן יידיש לאַנד אין אַזיע.

דער שליח פון דעם לאַנד,
דעם יידישן רעגירערס ברודער
אַ יידישער מאַרשאַל און פירשט,
איז איצט שוין אויף זיין וועג אַהער,
און ווערט ערוואַרט צו יעדער שטונדע.

עטלעכע שטאַאַטסלייט:

אַ יידיש לאַנד! אַ יידישע אַרמיי?
אַ יידישער מאַרשאַל און קעניג?
צו העלפן אָפּגעווינען גאָטס געבורטלאַנד
פאַר אונז, פאַר פּאָרטוגאַל?

יאָאַן:

קוקט זיי אָן טריאומפירנדיק און זאָגט גאָרניט

דיאַגאָ פירעס:

שטאַרק אויפגערעגט אינערליך

אָ, מאַיעסטעט!
האָט ריכטיק איר גערעדט,
און מיר — געהערט?
אַ פירשט פון יידן ווערט ערוואַרט צו יעדער שטונדע?
און קומט ווי אַ באַפרייער,
אַן אָנזאָגער פון נייע צייטן?

יאָאַן:

יאָ, דיאַגאָ פירעס.
אַ פירשט פון גרויסן לאַנד כייבאַר,
פרינץ דוד ראובני.

דיאַגאָ פירעס:

און ער איז פריינטלעך מיט די קריסטן?...
מיט אונז?

יאָן:

ער קומט מיר פאַרלייגן זין!

דיאָגאָ לויפט צו צו סאַלוואַדאָרן, שטאַרק דורכגענומען. סאַלוואַדאָר לאָזט אים גאָרניט זאָגן, און ער אַליין רעדט מיט אַ טאָן פון טריאומף, וואָס איז הויפּזעכלעך געמיינט פאַר דיאָגאָן

סאַלוואַדאָר:

אויב ס'קומט אַ יידישער מאַרשאַל און פירשט,
אַ שליח פון אַ יידיש קעניגרייך
קיין פאָרטוגאַל,
און מען ערוואַרט אים דאָ צו יעדער שטונד,
מוז אָפּגעלייגט איצט ווערן
נישט נאָר דער איינפיר פון דער אינקוויזיציע —
אפילו דער געדאַנק.
ווי סודותדיק גאָטס מעשים!
די הילף פון יידן, פון אָפּטריניקעס,
צו ראַטעווען דאָס הייליק לאַנד
פון אומריינקייט און אומגלויבן.
דער פּאַפּסט, דער אַלקריסטלעכער, אין רוים
האָט מיט אַ געטלעכן פאַרזיכטיקן
געצאַמט אונז פון אַן אומבאַדענקטן שריט.
און אפשר איז אויך גאָטס כונה,
מיר זאָלן צו די יידן ווערן ווייכער, לייטזעליקער.
דער וועג צו יידישע, פאַרהאַרטעוועטע הערצער
איז אפשר נאָר דורך גוטסקייט און גענעדיקייט?

קאַטערינאַ:

סאַלוואַדאָר טייערער,
ס'פאַרטראָגט אייך די פאַנטאַזיע שוין צו ווייט.
עס איז אַ יידיש האַרץ אַם בעסטן,
ווען ס'בראָט זיך אויף אַ שייטערהויפן.

יאָן:

אַ יידישער רעגירער וועט זיין מיין שותף אפשר
אין אַ באַפרייאונג-צוג...

קאַטערינאַ:

איך בין צו שפּאַניש, איך זאָל גלויבן אָט די נייעס.

יאָן:

איך האָב דאָך בריוו פון פּויפּסט!
פון אונזער אַמבאַסאַדאָר אויך אין רוים.

קאַטערינאַ:

וואָס קומט פון יידן,
וואָס איז מיט יידישע פאַררעטער-הערצער נאָר פאַרבונדן,
איז מיר נישט ליב,
טויט אָפּ מיין צוטרוי.
און ווען כ'זאָל גלויבן —
ווער ווייס וואָס ס'וועלן זיך די יידן בעטן.
פאַר זייער טובה!
ווער ווייס, וואָס ס'פּלאַנט דער פאַלשער יידן-מוח.

דאָם דיניז:

דאָס זענען אמת-קעניגלעכע ריד,
און אמת-קריסטלעכע!

סאַלוואַדאָר:

עס האָט אַ ייד, אייער מאַיעסטעט,
דאַ נאָמאָס רייזע פון אַ טרוים אַ וואָר געמאַכט,
דורך יידן איז דער וועג געוואָרן אָפן
פאַר אינדיעס רייכטימער קיין פאָרטוגאַל.

קאַטערינאַ:

דאָס גוטס, וואָס שטאַמט פון יידן
איז סם פאַר יעדן וואָרן קריסטן-האַרץ...

יאָאַן:

אַ, קאַטערינאַ! דאָ איז פאָרט נאָך נישט מאַדריד.

קאַטערינאַ:

הלואי וואָלט יאָ...

עס באַווייזט זיך אַ שטאַאַטסמאַן, וואָס גייט גלייך צו צום קעניג, פאַרנייגט זיך טיף, זאָגט אים עפּעס שטיל, און יאָאַן רופט אויס מיט טריאומף

יאָאַן:

דער יידישער געשיקטער איז שוין דאָ אין ליסאַבאָן.
ער איז געקומען מיט אַ רייכער סוויטע,
און פאָנען, רויט-און-גאָלדענע,
באַצירן זיינע שיפן דריי.
ער פירט מיט זיך אַ גרויס עשירות
און ברענגט מיר בריוו, געשריבן אייגענהענטיק
פון פויפסט קלעמענט.
ער בעט אַן אוידיענץ ביי אונז.

אַלע זענען איבעראַשט. קוקן זיך איבער מיט פאַרוואונדערונג. ד י אָ ג אָ   פ י ר ע ס בלייבט שטיין אַ דורכגעדרינגענער און מורמלט אַרויס האַלב מיט טראַגע, מער מיט פאַרשפּורטער זיכערקייט:

דיאגאָ פירעס:

אַ פירשט פון יידן.
קומט מיט אַ בשורה, אַ באַפרייער.

אַ נייע צייט גייט אויף.
דער וואָס באַדאַרף פאַרויסגיין,
דעם וועג, דעם וועג, דעם וועג מיר אָנצוגרייטן.

אַלע ווענדן פלוצלונג זייערע בליקן אויף דיאָגאָן, ווייסן נית וואָס קומט פאָר. דיאָגאָ זעט גישט, הערט נישט.

בילד III

דיאגאָ פירעס — שלמה מולכו.
דוד ראובני.
דודס סעקרעטער.

אין דוד ראובני'ס קאַבינעט, אין ליסאַבאָן

דיאגאָ פירעס:

האָט טאַקע אייער האַר מיך לאַנג
נישט זען געוואָלט?

סעקרעטער:

מיין האַר איז מיט אַ וויכטיק שליחות דאָ געקומען.
די עסקים זיינע האָט ער נאָר מיטן מלך צו פאַרהאַנדלען.

דיאגאָ:

נאָר ווייסט ער שוין, אַז כ'בין אַצינד אַ ייד,
ווי אַלע יידן?

סעקרעטער:

מיין האַר ווייסט זאַכן פיל,
וואָס וועגן זיי האָט ער נישט ליב צו ריידן.

דיאגאָ:

פאַרוואָס איז ער באמת אַזאַ שווייגעדיקער?

סעקרעטער:

איך בין בלויז זיינס אַ קנעכט,
און זיינע דרכים זענען מיר פאַרהוילן.
און וואָס איך ווייס —
נישט אַלעס דאַרף איך זאָגן.

דיאגאָ:

איך בין דאָך אייערער איצט...

סעקרעטער:

איר וועט טון בעסער אָפּצולייגן
אַזאַ פאַרטרוילעכקייט,
ביז ס'וועט מיין האַר ערשיינען.
עס זענען גאָר די צייטן נישט אַזוינע,
און נישט דאָס לאַנד אַזאַ,
און נישט אַזאַ מיין האַר,
אַז אַלעס זאָל די צונג דערציילן
וואָס טוט אין הארצן זיך,
וואָס אין דעם מאַרך פליט דורך.

דיאגאָ:

מעהר פאַר זיך

נישט ריידן. און איך —
איך וואָלט אַרויפגעקלעטערט אויף דעם העכסטן פּלאַץ
צונויפגעזאַמעלט גרויסע מחנות מענטשן
און זיי דערציילט,
און זיי געוואָרנט,
און אָנגעזאָגט זיי,

וואָס דוד ראובנים קומען דאָ באַדרייט.
איך וואָלט...

סעקרעטער:

עס האָט מיין האַר אַזוינע רייד נישט ליב
און אויב איר ווילט,
ער זאָל פון אייך נישט אָפּוועגדן זיין אויער —
נישט רעדט אַזוי צו אים.

דיאַנאַ:

נאָר פּאַרזיכטיק.
דאָס גאַנצע לעבן
נישט זאָגן קיינמאָל וואָס דו טראַכסט.
פון אַלע זייטן אַלץ דיזעלבע וואָרנונג.
איך האָב געמיינט:
דאָ וועל איך קאָנען זאָגן אָפן, וואָס דאָס האַרץ באַגערט.
נאָר ווידער נישט.
אויך דאָ די צונג באַנוצן
אויף צו באַהאַלטן זיך,
פאַרבאָרגן דאָס וואָס רייסט זיך פון דער זעל.
וואָס זאָמט אייער האַרץ?

סעקרעטער:

ווער וויים וואוהין זיין שליחות פירט אים,
וואָס פאַר אַ וויכטיקע ענינים
פאַרלאַנגען, מאָנען זיינע טעג פאַר זיך?
נאָר ס'דאכט מיר, אַז ער קומט.

גייט צו צום טיר, קוקט אין דרויסן

ס'איז ער.
און אויב איר ווילט מיך פאָלגן, יונגערמאַן —
וואָס ווייניקער, וואָס ווייניקער גערעדט!

אַם וואָרסטן, שענסטן זענען די געדאַנקען
נאָך איידער זיי פאַרלאַנגען הערונג
ביים אויער פון אַ צווייטן.
ס'האָט דוד ראובני עסקים מיט מלכים,
און ס'ווערן פויפּסטן, פירשטן, קאַרדינאַלן
נתפּעל פון דער וואָג פון זיינע רייד.

ער גייט אַרויס. ס'קומט אַריין דוד ראובני. נערוועז, לאַקאָניש טרוקן. לאָזט זיך אויף אַ מינוט ניט פאַרכאַפּן פון דיאַגאָס עקזאַלטאַציע.

דוד ראובני:

האָט נישט פאַראיבל,
וואָס כ'האָב אייך געלאָזט וואַרטן,
דאָס דיאַגאָ פירעס.

דיאַגאָ:

רופט שלמה מולכו מיך.
אַז ועט איצט מיין נאָמען הייסן אין ישראל.

דוד ראובני:

עס הייסט נישט שלמה מולכו
דער קעניגלעכער סעקרעטאַר פון פּאָרטוגעזישן געריכט
און דאַרף נישט הייסן.

דיאַגאָ:

איך בין אַ ייד איצט צווישן יידן.

דוד ראובני:

וואָס מיינען אַט די ריידן?

דיאַגאָ:

כ'האָב גוט געזען,

ווי אומוויליק איר זענט געווען צו רעדן,
ווען כ'בין די ערשטע מאָלן
צו אייך געקומען הערן דאָס געגאַרטע וואָרט.
איך האָב אויך גוט פאַרשטאַנען
דעם טייטש פון אייער שווייגזאַמקייט.

דוד:

וואָס ווילט איר זאָגן?

דיאַנאַ:

אַן אומריינער בין איך געווען פינף און צוואַנציק יאָר.
ווי האָב איך גאָר געהאַט די העזה
צו קוקן אייך אין פּנים ווי אַ גלייכער?
נאָר איצט...

דוד:

וואָס איצט?

דיאַנאַ:

איך בין אַ ייד, אַ ייד,
ווי אַלע זין פון דעם געבענטשטן פאָלק.

דוד:

זאָגט, וואָס אַזוינס האָט איר געטון?
ווילט איר דעם צוועק פון מיין נסיעה
פאַרשניידן נאָך ביים סאַמע אָנהויב?

דיאַנאַ:

איך בין אַ קריסט געבוירן
און כ'מוז אַ צלם טראָגן.
עס האָט מיין לייב געלעכצט נאָכן וואונדערבאַרן קרבן,
וואָס יעדעס יידיש מעגלעך קינד

ברענגט אין דער אומבאַוואוסטקייט פון די ערשטע טעג.
ווי אונזער פאָטער, ווי אברהם,
האָב איך געהאָרכט צו גאָטס געבאָט
שוין אין די יאָרן פון מיין רייפקייט.
ווי ער,
האָב איך אָן מורא
מיט ווילִיקער און אייגענער האַנט
גאָטס נדר מיט גאָטס פאָלק באַפעסטיקט.
איצט בין איך גלייך מיט אייך,
קיין אומריינער, קיין פרעמדער מער נישט, רבי...

דוד:

נישט רופט מיך רבי.
איך בין אַ קריגסמאַן,
געשיקט פון ברודער מיינעם
דעם מלך פון כייבאַר,
צו טאָן אַ זאַך אַ וויכטיקע, אַ קריגערישע,
צו פועלן אומגעווייגלעכע און שווערע מעשים.
און איר — איר שטעלט מיין שליחות אין סכנה,
אָנשטאָט צו העלפן, ווי איר זאָגט, איר ווילט.

דיאַנאַ:

די שליחות אייערע איז מיינע אויך.
נאָר העלפן קאָן איך, וויל איך איר.
און דאַרפט דען איר,
און דאַרף דען איך,
פאַר עפּעס מורא האָבן?
גאָטס וואָרט, גאָטס רצון איז פון אַלעם שטאַרקער, העכער.
איך האָב געטאָן וואָס כ'האָב געדאַרפט,
און וואָס — איך האָב געמיינט —
אויך איר האָט מיך געהייסן טאָן.

דוד:

קוקט אָן שלמהן אויפמערקזאַם, פאַרשנדיק, פאַסט אַ באַשלוס.

כ'האָב גאָרנישט אייך אַזוינס געהייסן טאָן.
נאָר, מילא, ס'איז פאַרפאַלן שוין,
און איצט...

דיאַגאָ:

און איצט וועט איר מיר אָפן אַלץ אַנטפּלעקן?
נישט מער פאַרשטויסן, טרייבן מיך פון זיך?
ס'האָט שוין לאַנג געדאַרפט צושטאַנד שוין קומען —
איך האָב געהאַט אַ חלום...

דוד:

כ'פאַרנעם זיך נישט מיט קיין חלומות,
וואָס איך דאַרף טאָן, וועט זיין געטאָן,
און איר —
פאַרלאָזט וואָס גיכער פאָרטוגאַל.

דיאַגאָ:

כ'בין דאָרט וואו איר,
ווי איר דאַרפט זיין —
וואו איך.

דוד:

איר האָט שוין איינמאָל מיך קאַפּויר פאַרשטאַנען,
און ווילט אויך איצט דעם טעות נישט פאַרריכטן.

דיאַגאָ:

ס'איז נישט קיין טעות.
עס האָט געמוזט זיין.
און איר — ווילט איר נאָך מער מיך פּרובן?

פאַרוואָר! ר' דוד,
ווי איך דאַרף אייך,
דאַרפט איר אויך מיך נישט ווייניקער,
און קיינער ווייסט עס דאָס נישט בעסער,
ווי איר.

דוד:

כ'בין קיינעמס פּרובע' גישט.
איך בין אַ מענטש פון חייל.
איך הייס אייך אָפּפאָרן פון דאַנען,
ווייל דאָס איז נויטיק פאַר דער שליחות,
וואָס ס'האָט געגעבן מיר מיין ברודער,
דער מלך פון כייבאַר...

דיאַגאָ:

די שליחות אייערע —
אַ, לאָמיך זי פון אייערע ליפּן הערן.

דוד:

צו פרי נאָך, אַז די וועלט זאָל אַלעם וויסן.

דיאַגאָ:

איך בין דאָך נישט „די וועלט".
איך האָב געזען סימנים, אָנזאָגן, פון אייער קומען
מיט יאָרן פריער נאָך.
ווייל איז נישט דוד ראובני בגמטריא...

דוד:

גמטריאות —
מיר זענען פרעמד די זאַכן.
עס זענען מיינע דרכים נישט די דרכים,
וואָס פון די יידן אין די לענדער פון צעשפּרייטונג.

דיאגאָ:

וױ אױפגעװאַכט

איר רעדט, װי איר דאַרפט רעדן.
אַז װאַױל דער צײט,
און װעלכער איר האָט זיך באַװיזן.

דוד:

איר מוזט פאַרלאָזן פּאָרטוגאַל.

דיאגאָ:

און איר?!

דוד:

כ'װעל דאָרטן זײן,
װאו ס'דאַרף מײן שליחות מיך,
און אַלץ װעט אין דער רעכטער צײט
באַװאוסט שױן װערן.

דיאגאָ:

טראַכט נאָך אַ װײַלע

אודאי.
איר זענט גערעכט.
איך דאַרף די ברידער זען און אַלע לענדער,
אױף זיך אַלײן דערפילן זײערע יסורים,
און אַלעם װערן אײנס מיט זײ.

דוד:

און נישט פאַרגעסן,
אַז שונאים זענען אומעטום פאַראַן,
מיט אױערן, גרײטע אױפצוכאַפּן עפּעס אַנדערש װי איר װילט,
מיט מײלער עפּעס אַנדערש צו דערצײלן.

דיאַגאָ:

יאָ, פאַרזיכטיק, איר זענט גערעכט.
כאָטש ס'װײסט אײן גאָט:
כ'װיל שרײען דאָס װאָס כ'װײס און פיל.
כ'מוז װידער מעסטן יעדעס װאָרט מײנס.
נאָר ס'װעט די מאָס זײן גאָר אַן אַנדערע,
װי די װאָס האָט פיל יאָרן פאַר דעם האַרץ געשװעבט,
װען פּאָרטוגאַל האָט בלױז געזען,
װען פּאָרטוגאַל האָט בלױז געװאוסט פון דיאַגאָ פּירעסן.

דוד:

פאָרט אָפּ און זײט מצליח, דיאַגאָ פּירעס.

דיאַגאָ:

רופט שלמה מולכו מיך.

דוד:

נישט װיכטיק זענען נעמען, געגעבענע דורך מענטשן.
נישט דאָס װאָס ס'זעט די װעלט און קען,
האָט װעלכן װערט.

דיאַגאָ:

װי װילט זיך מיר
איר זאָלט אַזױ נאָך װײטער רעדן.

דוד:

פאָרט אָפּ מיט פרידן, דיאַגאָ פּירעס,
די פּריסטע שיף, װאָס װעט פאַרלאָזן ליסאַבאָן,
װעט גאָרנישט זײן צו־פרי
פאַר אײך.

דיאַנאַ:

כ'בין גרייט.
ס'וועט ענדלעך אויפשיינען דער טאָג,
וואָס האָט געריסן זיך
מקוים ווערן
אין די חלומות מיינע.
אייער קומען איצט איז קלאָר פאַר מיר,
ווי ס'איז דער פּנים פון קרישטאָל.
ווי דורך קרישטאָל ציט לויטער זיך
מיין וועג.

דוד:

אים צופירנדיק צו דער טיר

וואָס דאַרף זיין — וועט זיין.

בילד IV

יוסף קאַראָ,
משה טראני,
שלמה אלקאבעץ,
אברהם הלוי ברוכים,
פּרץ קאָלאָבי,
בן זמרי,
שלמה מולכו.

אין צפת. האַלבע נאַכט אין שול. יידן זיצן און לערנען ביי אָפענע ספרים. דעם אויבנאָן פאַרנעמט יוסף קאַראָ, צו וועלכן אַלע אנוועזנדע באַציִען זיך מיט גרויס יראת הכבוד. ווען דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף, זיצן אַלע אין האַלב־טונקלקייט אויף דער ערד און טוען תפילה. דער ניגון פון קינות ציט זיך לאַנגזאַם און טומנע. דאַן הויבט זיך אָן אַ שמועס מיט יוסף קאַראָ אלס צענטראַל פיגור.

יוסף קאַראָ:

שוין וויפיל יאָרן ווי מיר קומען דאָ צונויף זיך,
און דאָך ווי גרויס, ווי אייביק־ניי דער ווייטיק.
אויף הייליקער, געליבטער ערד,
אויף אונזער ערד —

און פרעמדער ערד.
דעם נביאס ווערטער קלינגען פריש מיט וואונדיקייט.
גלייך ס'האט זיי גאט ערשט היינט,
פאר היינט,
אין מויל צו אים געלייגט. פויזע
עס מערן די יסורים זיך פון אויסדערוויילטן פאלק
מיט יעדן טאג.
דערווייטערט פון זיין היים,
צעשניטן איבער ימים, איבער לענדער,
ליידט יעדעס גליד פון פאלק ישראלס גוף,
איז אים באשערט נסיון נאך נסיון.
די הימלען זענען רויט מיטן בראנד פון אונזער פיין
און יעדער אורח,
וואס קערט זיין פוס צו אונזער נעסט אין צפת,
דערציילט פון נייע גזירות,
פון נייע טרייבונגען,
פון אויסטערלישע בייזקייטן.
די האנט פון שטראפער ווערט נישט מיד,
און ס'יידיש הארץ דארף נייע שטארקונג אלע טאג
נישט אויסצורינען.

קורצע פויזע, אין דער צייט, פון וועלכער דער נגון פון די קינות צעטראגט זיך ווידער, אבער אין שנעלערן טעמפ, ווי פריער. האקט זיך אפ, ווען קארא זעצט פארט

ווי ניי דער ווייטיק, אייביק ניי און אייביק וואונדיק.
נאר פריינט און לערער מיינע,
ווי גרויס, ווי ניי, ווי אייביק אויך דער וואונדער!
חצות. אום האלבע נאכט.
עס שיילט דער טאג זיך פארט,
כאטש סומנע שטאקט די פינצטערניש.
ליכט ראנגלט זיך מיט חושך.
און כאטש אין גאס איז שווער צו זען

דעם צדיקס האנט,
אפילו ווען זי שטרעקט צום הימל זיך
דאך ווייסן מיר,
אז קערן נאך קערן — עס זאמלט זיך דאס ליכט,
א טראפן נאך א טראפן — עס פליסט די זוניקייט.
עס וועט די פינצטערניש צעגיין,
נישט ווערן,
ווי עפעס, וואס איז גאר נישט דא.
נישטא קיין פינצטערניש.
אלץ ליכט, אלץ כולו ליכט.
בלויז אונזער שוואכקייט טיילט פונאנדער,
בלויז אונזער מענטשלעך אויג,
זעט צוויי, א סך,
וואו ס'איז נאר איינס
איינס.

אברהם הלוי ברוכים:

דארום דארף אנהויבן דער מענטש צו וואכן
אום האלבע נאכט.
ווען ס'איז אם פינצטערסטן, הייבט אן זיך טאג.
אין שוים פון חושך ברענט און גליט, און לויכט מיט גבורה
דאס ליכט,
וואס שטענדיק איז עס ליכט.

פרץ קאלאבי:

ווי דארפן דאנקען מיר השם-יתברך,
וואס אלע זענען מיר אין צפת,
אויף הייליקער געבענטשטער ערד,
אין איידעלער חברותא
פון די וואס זעען,
וואס לערנען און באלערן.

יוסף קאַראָ:

געלויבט איז גאָט צו יעדער שעה.
דאָך דאַרפֿן מיר אויך קענען אָפּהיטן
די פרייד, וואָס פליסט פון יעדער רגע,
פון יעדער מעסטונג שטח.
נאָר נישט זיך איבערנעמען,
אפילו מיט אונזער צדקות.
געדענקען זאָלן מיר וואָס — ווער מיר זענען,
געדענקען שטאַרק,
ביז צום פאַרגעסן
און זיין ענווים אָן זכרון.

משה טראַני:

ענווים אָן זכרון!
אפילו זינד פאַרגעסן,
אי אייגענע, אי פרעמדע?

יוסף קאַראָ:

די פרעמדע נאָך מער ווי די אייגענע.
פאַרגעסן יענעמס זינד
איז מציל זיין נפשות צוויי —
אי זיך אי יענעם.

משה טראַני:

נאָר שטייט דען נישט געשריבן,
מען זאָל דאָס שלעכטס פונצווישן זיך
פאַרטיליקן?

יוסף קאַראָ:

געבאָט און דין איז נישט גענוג פאַר דעם,
וואָס גאַרט צו זיין אַ צדיק.

דער צדיק טאָר זיין האַרץ נישט אויפהענגען
אויפן צוים פון דין.
דער צוים דאַרף שטיין אין האַרץ ביי אים
ס'איז דין אַליין דער ברייטער צוים
פאַר די שוואַך־האַרציקע.

משה טראַני:

מען טאָר נישט צופיל שפילן זיך מיט דין.
שטאָט ענגער קען דער צוים נאָך ברייטער ווערן,
פיל ברייטער,
ביז ס'איז נישטאָ קיין חילוק,
קיין גרענעץ צווישן דער עבירה און דער מצוה.
עס האָט געטראָפן שוין, ר' יוסף.

יוסף קאַראָ:

אודאי קענען מענטשן גרייזן, ר' משה.
נאָר בעסער פיל אַ גרייז
צום גוטן,
ווי צו דעם שלעכטן.

אברהם הלוי ברוכים:

ווי זעט איר נישט, ר' משה,
ווי ס'איז גערעכט ר' יוסף.
איר ווייסט, ווען נישט זיין כשרע סבלנות,
זיין זוכן גוטס, וואו אַלע זעען שלעכטס,
וואָלט היינט אַ יידישע נשמה
געליטן פון די גרעסטע קללות.
איר דאַרפט עס בעסער וויסן, ווי אַן אַנדערער.
ווער נאָך, ווי איר,
האָט יענעם בייזן חשד געהאָלפן שפינען?

משה טראַני:

איר מיינט די אשה ברכה בת ר' מאיר
יהודהס ווייב?

אברהם הלוי ברוכים:

יאָ, זי.
איר האָט געשריען דאָן: דער דין! דער דין!
און רק געשראָקן אונז, די גאַנצע קהילה,
מיט צרות און מיט שווערער שטראָף
פאַר סובל זיין אַ טמא פרוי,
פאַר גוטסקייט צו אַזאַ,
וואָס האָט אויף אונז געבראַכט די זינד
פון אשת-איש.
און וואָס האָט אייער חשד געוועקט?
זי האָט אַריינגעלאָזט צו זיך אַן אורח ביי דער נאַכט,
ווען ס'איז איר מאַן געווען אַוועקגעפאָרן.

משה טראַני:

דער חשד איז גרויס געווען,
מען האָט שוין פריער פיל געמורמעלט אויף דער אשה.

יוסף קאַראָ:

אַ חשד איז קיינמאָל נישט גענוג,
ווי גראָד עס זאָלן נישט צו אים
די שטענגן אַלע פירן.
נאָר נישט געאײלט זיך מיט אַ חשד,
צו משפטן, פאַרמשפטן.
אַ שלאַנג אַ שאַלקהאַפטע איז חשד
וואָס רעדט צו ביזן אָן,
אַ חיה-רעה, וואָס צעפרעסט דאָס האַרץ
און הילט אין וויסטן חשך איין דעם שכל.

די חיה רעה דאַרף אַ צאַם
די שטאַרקסטע און באַוואָרנסטע.
אין גוטס זאָל קיינער זיך נישט צאַמען.
אַלץ פרייער, גרעסער, ברייטער אויסשפּרייטן
דעם גדר פאַר דעם גוטס.
דערפאַר אין שלעכטס —
וואָס איינגעהאַלטענער, געצאַמטער,
און וויפיל זיך געצאַמט — נאָך ווייניק!

אברהם הלוי ברוכים:

ווי אמת איז ר' יוספס וואָרט, ר' משה.
עס האָט געהאַלטן שוין, אַז ס'זאָל יהודה
זיין ווייב פון זיך פאַרטרייבן.
ערשט ווען ר' יוסף האָט דעם ענין
באַלויכטן מיט דער וואַרעמקייט פון רחמים,
האָט ס'בייז אונז דאָ געמיטן,
און נישט פאַרשניטן איז געוואָרן
אַ יידישע נשמה.
ווי אָפּגעאָטעמט האָט די קהילה דאָן!

יוסף קאַראָ:

נענוג דערפון, ר' אברהם.
מיר שעדיקן נאָר פון דאָס ניי אַ מענטש
מיט אונזער רעדן, טראַכטן וועגן חשד.
ס'גייט קיין שום וואָרט לאיבוד,
און קיין מחשבה איז נישט אָן נוצן אָדער היזק.
עס דאַרפן אונזערע מחשבות,
און אויך די ווערטער אונזערע
פונקט ווי די מעשים זיין:
צום גוטן שטענדיק,
און שטענדיק ריין.

גערענקען זאָלן מיר:
דער חושך איז (קיין קאָרעקציע!) פאַראומרייניקט לי
דער רשע א פאַראומרייניקטער צדיק,
און די עבירה — א פאַראומרייניקטע מצוה.

פרץ קאָלאָבי:

וואָס איז די העכסטע, ליכטיקסטע מדרגה
פון ריינעם הארץ,
ווי קען א מענטש דערגרייכן זי,
ר' יוסף?

יוסף קאַראָ:

אינם שייכות פון דעם מענטש צום חבר,
צום שכן זיינעם.
אין טראַכטן שטענדיק גוטס פון יענעם,
און טאָן אים גוטס.

פרץ קאָלאָבי:

איר ווייסט ר' יוסף:
ס'האָט איטליכן פון אונז עשירות גאָט באַשערט,
מיר האָבן עס פון זיך נעריייניקט,
ווי מיסט, וואָס קלעפּט זיך צו די פיס.
ר' ברוכים איז א באַנדער,
שלאָגט פעסער מיט געבויגענעם רוקן
פון זון ביז זון.
ר' משה טראַני שטייט אין מאַרק,
פאַרקויפט דאָרט שפּייז,
און איז מקבל באַהבה,
צי ס'ברענט די זון זיין פנים,
צי ס'פּאַטשט, פאַרדאַרט זיין לייב דער ווינט.
מיר לעבן אַלע מיט דעם שווייס

פון אונזער מי,
ווייל קיינער וויל נישט קיין הנאה האָבן
פון יענעמס נויט און פראַצע.
ס'וויל קיינער דאָ נישט צונעמען ביי קיינעם
א טייל פון לעבן,
וואָס איז נאָר זיינס און גאָטס.
וואָס פאַר א פגם געפינט איר נאָך
אין אונזער פירונג,
און אונזער שייכות צווישן מענטש און מענטש?
אין וואָס נאָך פעלן מיר?

יוסף קאַראָ:

זאָל גאָט מיך אויסהיטן צו משפטן.
ווער בין איך, וואָס איך זאָל אייער שופט זיין?
מיר דאַרפן לויבן גאָט,
וואָס צפת איז אונזער וואוינאָרט,
און וואָס מיר קענען לעבן דאָ מיט אייגענער פאַרדינטער
אַרבייט,
נישט פילן אין דעם האַרץ די גרויסע עולה
פון עסן יענעמס מי, און יענעמס מאַטערניש און ווי
אזוי באַדאַרף א מענטש דאָך לעבן,
אזוי באַדאַרף א ייד.

משה טראַני:

נאָר עפּעס זענט איר נישט צופרידן,
ר' יוסף.
איר זאָגט נישט אָפט קיין מוסר.
נאָר אייער אָפט איז אייער בליק פאַרכמורעט.

יוסף קאַראָ:

איך טראַכט, ר' משה,
אז אַלעס, וואָס מיר טוען, איז נאָך נישט גענוג.

מיר טוען רעכט.
מיר פירן זיך,
ווי ס'דארפן ד׳,
צו וועמען ס'קומען ברידער פרעגן עצות
פון אלע תפוצות פון ישראל.
נאָר עפּעס ווייסן מיר צופיל דערפון,
שוין צופיל טראַכטן מיר פון אונזער גוטסקייט.

משה טראני:

איז וואָס? אפילו טראַכטן טאָר מען נישט?
איר ווילט, מיר זאָלן זיין מלאָכים?

אברהם הלוי ברוכים:

ער טשעפּעט רק זיך צו ר׳ יוספן,
און וויל נישט משיג זיין זיין רעיון.

יוסף קארא:

אָן תרעומות, ר׳ אברהם.
מען דאַרף זיין גוט, ר׳ משה,
נישט טראַכטנדיק ווי גוט מען איז,
גוט — אָן דער גאוה פון דער גוטסקייט —
דאָס איז די הויכע, אמתע מדרגה.
אויף איר, אויף אָט דער הויכקייט זע איך איינעם,
איינעם בלויז.
מיט מילדקייט שיינט גאָטס מאָרגן-ליכט אויף אים
און ער אליין קען אין זיין ריינקייט
זיין ריינקייט נישט,
ווי ס'לויכט די זון, ווייל זי איז ליכט,
ער איז...
ווער ווייס, חברים, וואָס עס איז
מיין פילגעליבטער פריינד,
דער אויסדערוויילטער שלמה.

שלמה אלקאבעז:

וואָס איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל, זיך איינגעהערט און שטאַרק פאַרטראַכט. ווי פּלוצלינג אויפגעריסן

דער אויסדערוויילטער שלמה,
איר מיינט דאָך שלמה מולכון?

יוסף קארא:

יאָ, אים, וואָס איר קענט אַלע,
וואָס אַלע האָט איר ליב געקראָגן אים
אין דער געמאָסטענער געציילטער צייט,
וואָס ער האָט אונז געשענקט.
ווי האָט געקאָנט דען אַנדערש זיין?

דירעקט צו שלמה אַלקאַבּבּזן

אי דו, אי ער,
איר ביידע זענט מיר איינגעבאַקן אין דעם הארץ.
נאָר ער — צו אים באַגערט מיין זעל.
דו האָסט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון דיין נסיעה,
און גוט איז דיך צו זען דאָ לעבן מיר.
ער קומט באַלד אויך אהער.
פאַרוואָר: עס בענקט מיין הארץ נאָך אים,
ווי ס'גאַרט דאָס אָנקומען פון שבת —
דער קעניגין.

שלמה אלקאבעז:

דערציילט מיר, רבי, וועגן אים,
וואָס האָט די זכיה, אַז ס'זאָלט איר,
דאָס גרויסע ליכט פון אונזערע טעג,
דער פעלז פון אונזער דור,
אים אָנרופן דער אויסדערוויילטער.

יוסף קארא:

שלמה מולכו!
וואס פאר א קעניגלעכער נאמען!
ווי זיין געשטאלט,
ווי זיין נישט-ערדיש לעבן,
זיין מלכותדיקע זעל.

פרץ קאלאבי:

דער קלארער אמת רעדט דורך אייער מויל,
ר' יוסף.
וואס איר האט דא געזאגט פון שלמה מולכון
איז ווי דאס ליכט פון זון,
וואס פרייזט דאס ליכט פון דער לבנה.

יוסף קארא:

א טעות, פרץ,
איך ווייס נישט צי אין מיינע רייד שיינט דורך
דער ווייסער שטראל פון דער לבנה
נאר ער —
איז זיכער לויטער זונליכט,
וואס היילט און טרייסט יעטוועדן
אויף וועמען נאר עס פאלט.

בן זמרי:

וואס איז צוגעגאנגען צו די שמוסנדיקע, ווען ר' שלמה
מולכוס נאמען איז דערמאנט געווארן

אויך איך האב אפט געהערט אויף די נסיעות מיינע,
אין אדריאנאפאל, אין סאלאניקא,
אין אנדערע מקומות, נאענטע, ווייטע,
ווי גרוים ס'איז דער,
וואס באלד וועל איך די זכיה האבן
צו זען אים מיט די אויגן.

עס האבן מיר דערציילט פיל יידן,
אלץ חשובע, באגלויבטע לייט,
אז ס'גייט א בלענדיק ליכט פון שלמה מולכון
און ס'שפרייטן זיך פון אים וואוילשמעקעדיקע ריחות
איך האב געהערט,
אז ס'פלעגן גרויסע מקובלים,
צדיקים, רייך אין יארן און אין קדושה
פון ווייטנס, פון מרחקים, פארן זוכן אים,
ער זאל מיט זיי קבלה לערנען,
זיי מדריך זיין אויף די געהיימע שטעגן
פון חן.
און וואו א זינגל —
האט ער מיט לייכטקייט אויפגעבראכן,
וואו נאר א טיר, וואס איז פארמאכט,
האט ער געעפנט.

פרץ קאלאבי:

און איז נאך יונג אזוי!
א נוצרי א געבוירענער,
אן אנוס פון דער מאמעס ברוסט —
זיך מל געווען אליין אין ליסאבאן.
געווארן דער געהויבנסטער גר-צדק.
פארטראגן דאן די שרעקלעכסטע יסורים.
געשפאנט מיט גלויבן איבער אלע ערדישע סכנות,
און ניצול ברוך השם געווארן פון די שונאימס הענט,
ווי ס'גליטשט א שטראל ארויס זיך
פון צווישן שוואכע, בלינדע פינגער מענטשעשע.

יוסף קארא:

יא, פריינט, חברים מיינע,
געבענטשט איז צווישן זיינע ברידער שלמה מולכו.
ווי דארף איך גאט דעם לעבעדיקן דאנקען,

וואָס ער האָט מיינע טריט געפירט אזוי,
אז ס'איז אויף מיר זיין שאָטן לייטזעליק געפאַלן.

שלמה אלקאבעז:

וואָס עפּעס שאָטן?
פאַרוואָס נישט ליכט?

יוסף קאַראָ:

עס איז זיין שאָטן לויטער העל געננוג.
און צו דעם ליכט פון זיין נשמה —
ווי קאָן איך האָפן צו דערלאַנגען?

שלמה אלקאבעז:

איר רבי, רעדט פון אים,
ווי נישט קיין אונזערער וואָלט ער געווען,
און ווי ער וואָלט געקומען פון אַנדערע, פון העכערע עולמות.

יוסף קאַראָ:

איך גלויב, מיין ליבער שלמה,
אז ער איז טאַקע נישט פונדאַנען.
א וואַנדערער א פרעמדער, נאָר א זעליקער,
איז שלמה מולכו צווישן אונז,
א וואונדערבאַרער שליח.
און ווער קאָן משיג זיין,
וואָס ס'איז זיין שליחות
דאָ צווישן אונז.

בן זמרי:

איך האָב געהערט אויף מיינע וואַגלעניש,
אז ס'דאַרף ר' שלמה מולכו
נתגלה ווערן באַלד,
און ווען ס'וועט דאָס געשען,

וועט כולו שבת קומען
זיך שפרייטן אויף גאַנץ פאָלק.

יוסף קאַראָ:

האָט קיין פאַראיבל נישט, ר' אורח,
נאָר כ'בעט אייך שטאַרק
נישט זאָגן דאָס, ווען ער וועט דאָ זיין.
איר וועט אים מיט אזוינע רייד מצער זיין.
עס וויל נישט שלמה מולכו הערן וועגן זיך דאָס וואָרט,
וואָס שוועבט ביי אַלע אויף די ליפּן,
מיט וועמען עס באַהעפט זיין בליק זיך,
ווער ס'קומט אין זיינע ד' אמות.

שלמה אלקאבעז:

און איר, ר' יוסף,
זאָגט גלויבט איר אויך אז שלמה מולכו
איז דער...

עס קומט אריין שלמה מולכו. עלטער געוואָרן. אָבער נאָך פיל גייסטיקער, ווי דורזיכטיק. אַלע קוקן אויף אים און ער קוקט אויף אַלע מיט ליבע

שלמה מולכו:

געבענטשט איר אַלע!
גאַנץ ברכה אויף דער הייליקער קהילה צפת,
וואָס אזוי פיל לומדים
אזוי פיל חסידים און צדיקים
באַפרוכפּערן איר ערד מיטן ליכט פון זייערע אויגן.

יוסף קאַראָ:

געבענטשט זיי דו, וואָס ביסט געקומען.
מיר אַלע וואַרטן דאָ אויף דיר
צו ווינטשן פריד ביי דיין אַרויסגיין.

עם ווייסן אַלע שוין, אַז ווידער גרייטסטו זיך אין וועג,
און ס'גאַרן אונזערע הערצער דיר אונזער ברכה מיטצוגעבן,
כאָטש ס'טרויערט יעדעס האַרץ,
וואָס ביסט נאָר ווינציקע חדשים
געוועזן צווישן אונז.

שלמה מולכו:

יאָ, מאָרגן גיי איך אָפּ פונדאַנען.
איך הער, ס'איז דוד ראובני שוין צוריק אין רוים
און וואו ער גייט פאָרויס,
מוז איך דאָרט שפּעטער זיין.
צפת! צפת!
ווי הייליק איז דער נאָמען.
פול ווי אַ מילגרוים איז מיין יעדער טאָג געווען דאָ
פול מיט די רייכע קערנער פון גאָטס חכמה,
פון אמתדיקן לעבן.

יוסף קאַראָ:

דער נאָמען דוד ראובני ווערט אָפּט געפּאָרט מיט דיינעם שלמה.
ביז איצט האָסטו נאָך נישט געזאָגט מיר
פאַרוואָס, מיט וואָס,
ס'איז אייער גורל ענג צונויפגעקניפּט.
ביז איצטער האָב איך נישט געפרעגט,
געוואַרט כ'זאָל ראוי ווערן,
אַ דו אַליין זאָלסט עפענען פאַר 'מיר דיין האַרץ.
נאָר איצט, ווען דו פאַרלאָזט אונז...

שלמה אלקאבעז:

דערציילט, ר' שלמה,
פון אייער מויל, אַ, לאָמיך הערן כאָטש אַ קליינעם טייל דערפון

וואָס אייער לויב —
וואָס גייט פאָרויס אייך, ווי אַ מחנה העלדן, —
באַזינגט אין יעדן לאַנד,
און זינגנדיק איז גובר אַלע הערצער!

שלמה מולכו:

נאָך נישט די צייט געקומען, מיינע פריינד,
מען טאָר דעם וועג איר נישט פאַרלויפן.
דער לויב, דער לויב, וואָס לויפט פאַר מיר —
זאָל גאָט מיר געבן קראַפט אים נישט צו הערן
פון אים נישט וויסן.

בן זמרי:

ר' שלמה —
אין ווייטע לענדער האָט אייער נאָמען
געטריפט ווי שמעקעדיקער אייל פון אַלע ליפּן.
אין ווייטע לענדער האָט אייער נאָמען
מיט פרייד געצונדן יידישע נשמות.
נאָר זייערס איז די זעהונג און די הערונג פון אַלץ.
נאָר אייך צו זען,
ר' שלמה.
אַ וואָרט פון אייך, געבענטשטער
כ'זאָל קענען טרייסטן און דערציילן אין די ווייטסטע ווינקלען פון ישראל:
מען חשבונט נישט אומזיסט,
מען זעט די גרויסע צייכנס נישט אומזיסט,
עס האָפט, עס וואַרט דאָס פאָלק ישראל נישט אומזיסט.

שלמה מולכו:

ווער ס'האָפט און וואַרט —
וואַרט קיינמאָל נישט אומזיסט.
נאָר איך —

ווי קאָן איך איצטער זאָגן!
וואָס קאָן איך איצטער זאָגן?

יוסף קאַראָ:

וואוהין ציט איצט דיין גייסט, מיין שלמה?
דערציי׳ל דאָ דיינע פריינט,
וואָס איז דיין גרויסע שליחות?

משה טראַני:

איבערברעכנדיק

איר פאָרט אַוועק, ר׳ שלמה,
און וואָס וועט זיין מיט דבורהן. —
מיין טאָכטער, אייער כלה?

שלמה מולכו:

יאָ, דבורה

פאַרטראַכט זיך

עס וועט זיין רעכט, ר׳ משה.
ס׳וועט דבורה מיך פאַרשטיין —
און העלפען מיר.

משה טראַני:

אומצופרידן

עס פירט זיך נישט ביי יידן...

ווערט איבערגעריסן און באַזייטיקט פון שלמה אַלקאַבעז

שלמה אלקאבעז:

אַנטפלעקט פאַר אונז, ר׳ שלמה:
וואָס איז זי — אייער שליחות,
און וואָס בינדט אייך צונויף מיט דוד ראובנין?

שלמה מולכו:

מער פאַר זיך, ווי אַלס ענטפער

ער איז — דער קריגסמאַן.
אַ מענטש פון שווערד
איז דוד ראובני!

בן זמרי:

אין אַ געהיימנוספולן פליסטער צו די איבריקע

דער קריגסמאַן!
פאַרשטייט איר נישט דעם זין?
משיח-בן-אפרים
דאַרף זיין אַ מאַן פון שווערד,
משיח-בן-אפרים
מוז קומען פאַרן בן-דוד,
דעם וואָרן, לעצטן אויסלייזער.
און דוד ראובני איז דער קריגסמאַן,
געקומען פאַר ר׳ שלמהן —
פאַרשטייט?

אַלע צעטומעלט. יוסף קאַראָ קוקט מיט איבערראַשונג, אָבערן מיט פולן גלויבן אויף מולכון, פויזע. אַלע וואַרט אומגעדולדיק. משה טראַני אַליין קוקט אַריין אין אַ ספר און ברומט אומצופרידן אַ קינה־ניגון. אַלץ — געשפּאַנט. שלומה מולכו הויבט אָן רעדן און בעת ער רעדט איז קלאָר אַז ער האָט פאַרגעסן וואו ער איז, אָדער אַז ער רעדט צו עמיצן

שלמה מולכו:

גמטריאות, חשבונות.
מספרים. ראַנגלענישן. האָפנונגען.
דער קץ — ווען וועט ער קומען,
און ווער איז דער, וואָס וועט זיין ברענגער זיין?

נאָר וואָס איז קץ?
ווי קאָן אַ סוף זיין, ווען עס איז נישטאָ קיין אָנהויב?
סוף — אָנהויב — ווערטער, ווערטער נאָר.
ס'איז עפּעס אַנדערש.
ס'איז נישט. ס'איז נישט.
נאָר ס'איז דאָך פאַרט...
ס'איז דאָ דאָס לייד פון פאָלק,
וואָס אַנדערש איז ווי אַלע פעלקער,
וואָס איז געקומען אויף דער וועלט
צו זיין און טאָן גאָר אַנדערש.
און אַלע זעען צו זיין לייד,
און ס'פאָלק אַליין — עס קאַרטשעט זיך און שרייט פון
ווייטיק.

פאַרוואָס אַזוי פיל ווייטיק?
פאַרוואָס אַזוי פיל צער?

פון וועלכן אָרט פון כסא-הכבוד
האָט שמחהדיק געפלאָסן די נשמה פון מיין פאָלק?
פון אָרט פון הארץ
און פון דעם אָרט פון מוח.
ס'זאָל הארץ און מוח זיין דאָס פאָלק ישראל.
דאָס פייער פון אַלוויסיקסטן, אַלהייליקסטן געדאַנק —
דאָס איז די זעל פון פאָלק ישראל.
געדאַנק,
געדאַנק, וואָס ברענט און צינדט,
אַלהייליק פייער!
געדאַנק דאַרף קלייד —
אַ, שוואַכקייט ערדישע, וואָס אַנדערש קאָן זי נישט באַנעמען.
איז ס'פאָלק געשיקט געוואָרן אויף דער ערד,
און ס'פייניקט צווישן פעלקער זיך —
אַז בולט זאָל זיין גאָטס כונה,

און ס'פאָלק אַליין זאָל וויסן —
אַז גוף איז גאָרנישט,
נאָר דום,
וואָס דאַרף צעשטערט, געשלאָגן ווערן.
דער גוף פון כלל-ישראל — לאַנד
דאָס הייליקע, אַלהייליקסטע פון צווישן לענדער,
איז חרוב, אָפּגעמעקט,
צוריבן, נישט.
נישט.
די אויבערשטע מדרגה —
איז נישט.
— איר קלאָגט אויף אומגעקומען לאַנד!

איר ווילט דעם נישט, דעם הייליקן, באַקליידן פון דאָסניי?
אָ, גלוסט דעם קערן, נישט דעם לבוש!
ס'איז לאַנד — נישט פלאַך פון ערד,
נאָר דאָרט וואו די נשמות לויכטן.
נישט קלאָגט אויף דעם באַפרייטן גוף פון פאָלק.
קלאָגט וואָס עס מוזן נאָך די צווייגן פון ישראל,
די צווייגן, צווייגלעך, בלעטער, בליטן פון דעם בוים,
מיט לייב,
מיט תאוות, ווענונגען און גלוסטונגען פון לייב
באַשווערט זיין.

עס ברענען, ברענען, לייבער יידישע.
דער ווייטיק פון דעם לייב
שרייט, רייסט זיך איבער די פיר עקן פון דער וועלט'
די ווינטן טראָגן אים פונאַנדער
אין אַלע הימלען.
עס וויינען די מלאָכים,
דאָס הארץ פון אַלוויסיקסטער און ריינסטער חכמה

גייט אוים פון צער און רחמים.
נאָר הארץ ווערט דאָך געקילט, געטרייסט פון קאָפּ,
דאָס לייב דאַרף וויסן — עס איז גאָרנישט.
זאָל לייב דורך ווייטיק, לייד, זיך לערנען:
דאָס איז די נחלה און דער טייל פון לייב.

צעשטערט דאָס קלייד,
און העלפט אליין צערייסן עס.
און ווען איר וועט דעם גאָרנישט פונקט אזוי דערקענען,
ווי ס'איז באַקאַנט דער ווייטיק,
וועט איר פון לייב באַפרייט זיין
זיין חכמה,
אלוויסיקייט,
נשמה נאָר,
מחשבה ריינע.

עס טראָגט זיך, טראָגט זיך
די זעל פון פאָלק ישראל
מיט שטאַרקע פליגל, גרויסע, גרויסע,
פון איין עק וועלט ביז צו דעם אנדערן.
און קיינער זעט די פליגל נישט,
און קיינער הערט זיי נישט
נאָר זייער איז די זעהונג און די הערונג פון אלץ.
די פליגל רירן אָן אן אומה —
לייכט-לייכט, גרינג-גרינג.
די אומה וויים גאָרנישט פונוואַנען,
נאָר זי פארשעמט זיך פאַר איר גוף,
און רייסט פון זיך די בענדער אָפּ פון לאַנד,
און שיילט ארויס זיך פון די נעצן
פון ערדישע, געטיילטע פאַסן,
און ווערט א פאָלק אָן גוף פון פאָלק.

און ס'רירן נאָכאַמאָל די פליגל אָן די אומה.
די צווייגן, בלעטער פון איר בוים
דערזעען העל דעם גאָרנישט פון דעם לייב
און ווילן נישט דאָס לייב,
און שיילן אָפּ,
און טוען אוים.
אזוי מיט אלע אומות.
בלויז פעלקער אָן דעם גוף פון פעלקער,
אָן ערד.
געלייטערטע נשמות אָן די קליידער,
אָן לייב.
מחשבה ריינע
איין מחשבה.
פון אלע — איינע.
באַנייטער איינס.
איינס.
אחד!

און ס'פאָלק ישראל —
דער אָנהויבער.
ישראל —
געשיקט צו זיין דער ערשטער.
און איך —
איך אפשר אינער פון די ערשטע פון ישראל,
איך —
אין פרעמדקייט, אומריינקייט, געבוירענער
דורך אדום-רוים געבונדענער,
מיט טומאָה פון דעם לייב געזעטיקטער,
געוואָרגענער.
ער שטעלט זיך אָפּ. קוקט זיך ארום. זעט קיינעם ניט
מיין לויב!

עס נייט מיין לויב פּאָרוים.
מיין לויב דערציילט פון צדקות,
און פרייזט מיין ריינקייט.
און איך פיל זינד,
איך יאָמער מיט דעם ווײ און מיט דער טומאה פון דעם לייב.
נאָך צופיל לייב.
נאָך צופיל גלוסטונגען.
אַרום יעטוועדן קערן ריינקייט
זיך רויכערנדיקע מיסט-הויפנס פון תאוה,
נאָך יערן פלי —
געוויכטן דומס, קייטן.
דער פלי פאַלט נידריק אַראָפּ
און לייגט אָן כוחות זיך,
אויף פלאַך, אויף זומפּ.
דערהרגענען — לייב!
מיט ווילן,
מיט פרייד.

עקזאַלטירט ביז דער העכסטער מדריגה

אַ גליק פון ווייטיק,
פון אָפּגעבונג.
ברען, פייער, ברען.
נעגאַרטער — ריינים
פאַראייניק.
נישט ווערן
נישט ווערן,
דורך פרייד פון פאַרצערנדן ווייטיק...

אַ כאַרטאַיעזע שטילקייט פליסט אַרויס פון שלמהס לעצטע ווערטער און שוועבט אַלעמען אַרום. יוסף קאַראָ קוקט צעטומלט מיט טרערן אין די אויגן, מיט גלויבן אין שלמהן. משה טראַני, אַן אָנגעכמורעטער, שאָקלט דעם קאָפּ אין אומגיגנסטיקייט. אַנדערע זיינען געפּלעפט. שלמה מולכו קומט צו זיך.

שלמה מולכו:

ווידער מילד

חצות האָט איינגעשרומפּן זיך.
דער טאָג קוקט פול מיט בענטשונג ווידער אויף דער וועלט.
זייט אַלע מיר געזונט.

דריקט די האַנט און קומט צו צו יוסף קאַראָן

זאָל גאָט באַשערן כ'זאָל דיין ערלעך פּנים ווידער זען.

יוסף קאַראָ:

שטאַרק גערירט, קאָן קוים רעדן

זאָל גאָט באַשערן. אָמן.

בילד V

דבורה,
שלמה מולכו.

אין א געסל לעבן שול. דבורה, שלמה מולכוס כלה, וואס האט די גאנצע צייט געווארט אויף אים אין פאדערהויז, לויפט צו מולכון, ווען ער פארלאזט די שול. עס טאגט.

דבורה:

שלמה!

שלמה:

ווי קומסטו, דבורה, דא אהער?

דבורה:

איך האב געווארט אויף דיר.
~~ווען כ'זאל נישט מורא האבן~~
~~פאר אויפרעגונג און פרעגענישן,~~
~~וואלט איך מיט דיר אריין אין שול.~~
~~האב איך געווארט אין פאליש פריער,~~
~~און איצטער דא.~~
איך האב געהערט דאס וויכטיקסטע פון אייערע רייד
ס'איז אמת?

שלמה:

וואס?

דבורה:

אז פארסט אוועק פונדאנען,
און מעגלעך וועסט אין צפת —
נישט זיין מער?

שלמה:

כ'האב ניט געזאגט עס, דבורה,
נאר דיינע ווערטער —
דעם אמת אפשר האלטן זיי,
ס'קאן זיין, ס'קאן זיין.
אז כ'זע צום לעצטן מאל
די גוטע ערד פון צפת,
די ריינע פנימער פון די צדיקים אירע,
און ס'ריינע פנים פון איר הימל.

דבורה:

און איך?
וועסט מיך דאך מיטנעמען.
מיט זיכערקייט איך פאר מיט דיר, ניט וואר?

שלמה:

איך מוז דיר זאגן, דבורה
וואס איז אמשווערסטן מיר צו זאגן:
מיר זעען זיך צום לעצטן מאל.

דבורה:

דו ביסט צעטומלט, שלמה,
עס הערט דיין הארץ נישט, וואס עס רעדט דיין מויל.

שלמה:

~~דו ביסט גערעכט,~~
אז ס'וויל נישט הערן.
נאָר כ'זאָג, וואָס כ'מוז דיר זאָגן.

דבורה:

ביסטו מיין חתן נישט?
בין איך דיין כלה נישט?

שלמה:

מיר מוזן זיך צעשיידן.

דבורה:

פאַרוואָס? וואָס איז געשען?

שלמה:

איך האָב דיך צופיל ליב.

דבורה:

דערפאַר ווילסטו פאַרלאָזן?

שלמה:

איך טאָר צו קיינעם נישט געבונדן זיין,
אפילו נישט צו דיר.
איך מוז זיין פריי,
געבונדן בלויז אין זיך, מיט זיך אליין.

דבורה:

פאַרשטייט אים ניט

בין איך א שטערעניש פאַר דיר?
האָב איך דיך נישט געהילט,

האָב איך דיר נישט געשפּרייט די גרעסטע פריידז?
האָט מיין בטחון
נישט ליכטיק דיר געאיילט אנטקעגן?
צי האָט מיין ליבע נישט געשטאַרקט דיך
דיין גרויסע שליחות אויסצופירן?
אָ, שלמה, עס זאָגן דיינע ליפּן נישט,
וואָס ס'טראַכט און וויל דיין האַרץ.
מיינסט עפּעס אַנדערש.
דו ווילסט מיך שטעלן צום נסיון.
ווילסט וויסן, צי עס איז דיין דבורה גרייט
צו טיילן גאָר די שווערקייט פון דיין גורל,
צי גרייט מיט דיר צוזאַמען
מקבל באהבה זיין סכנות
נישט שרעקן זיך פאַר גאָרנישט?
נישט אמת?

שלמה:

עס זענען נעצן דיינע ווערטער, דבורה.
זיי פאַנגען לייכט מיין האַרץ
און וואַרפן עס צו דיינע פיס.
נאָר כ'וועל אליין מיין האַרץ צוטרעטן
און טאָן וואָס כ'מוז.
איך פּרוב דיך נישט.
איך קען דיין לויטערע נשמה
און וויים: אין שווערסטע רגעס
וועסטו זיין ביי מיין זייט —
א טרייסטערין, א העלפערין,
און מיך דערמוטיקן צו נייע העכערע מדרגות.
נאָר ס'מוז געשען.
מיר מוזן שיידן זיך.

דבורה:

דיין שטים באַהאַלט א סוד פון מיר.

כ'הער קלאָר ווי ס'שרעקט דיין צונג ווך•
זאָג — וואָס?

שלמה:

ניין, דבורה, קיין שום סוד,
נאָר אַ באַשלוס וואָס כ'מוז אים האַלטן,
און וואָס כ'האָב מורא
איך וועל קיין קראַפט נישט האָבן
צו האַלטן•
דו, דבורה, העלף מיר•

דבורה:

כ'בין שטענדיק וויליק ס'לעבן מיינס צו שטרעקן
צו מאַכן לייכטער, ליכטיקער דיין וועג
ווי קאָן איך העלפן דיר?
וואָס זאָל איך טאָן?

שלמה:

דאַרפסט גאָרנישט טאָן?
איך וויל נאָר איינס:
עס זאָל דיין האַרץ דערפילן ס'איינענע וואָס איך,
און זאָגן:
אַזוי דאַרף זיין•

דבורה:

וואָס איז, מיין שלמה?

שלמה:

מיר זענען איינס געוועזן דאָרטן,
ביים אָנהויב פון די צייטן•
מיר וועלן ווידער איינס זיין
ביים סוף,

ביים אויסלאָז פון דער וועלט פון היינט•
נאָר נישט פון ערד, פון לייב בין איך אַ חתן,
און נישט אַזאַ דאַרפסטו אַ כלה זיין•

דבורה:

ווי אומקלאָר דיינע ווערטער, שלמה
ווי ווייט פון יענער לויטערקייט,
ווען דו האָסט מיר אַנטפּלעקט די פרייד
פון ליבשאַפט צווישן מאַן און פרוי•

שלמה:

פאַרשטיי מיך, דבורה:
מיין לייב איז מיר דערווידער,
צו שטאַרק איז נאָך זיין גבורה איבער מיר•
אין פאָרטוגאַל, אין ליסאַבאָן, האָב איך געפילט:
די גלוסטונג פון דעם גוף וועט מיך פאַרצוקן•
איך בין פון דאָרט אַנטלאָפן•
אַוועק פון ווייב,
אַנטרונען פון די ווייבערשע גלוסטן
צו מיר און צו מיין זכרישער שיינקייט•
זיי אינווייניק,
זיי פרייען זיך מיין ריינקייט,
[redacted] —
ווי אָפט איך ראַנגל זיך מיט זיך,
און פיל די טומאה רייסיק אין געביין•

דבורה:

מיט כעס

ווי קענסטו ריידן, שלמה, וועגן טומאה
מיט מיר,
ווען ביסט מיט מיר?
בין איך?•••

שלמה:

פארוואס פארשטייסטו מיך נישט, דבורה?
ביסט אנדערש, אנדערש ווי די פרויען
אין פארטוגאל.
ווי אלע תאוהדיקע ווייבער
וואס כ'האב באגעגנט אומעטום אויף מיין נסיעה.
גאר אנדערש קוקן דיינע אויגן
ווי זייערע.
נאר...

דבורה:

~~די אפנהערציק.~~
~~אויב כ'פעל אין עפעס — זאג.~~

שלמה:

חלילה, דבורה.
דו פעלסט אין גארנישט.
און ריינער ווי דער טוי דא אויף די ~~פעלדער איז דיין הארץ.~~

דבורה:

נאר וואס? וואס האלט דיך אפ צו ריידן?

שלמה:

מיט גרויסער אנשטרענגונג

נאר לייב איז לייב,
אפילו דיינס.
~~און מורא האב איך~~
~~ס'איז צופיל טומאה דא אין מיר.~~
און זאל געשען אט דאס, נאך וואס עס גלוסט דאס לייב,
א סוף וועט זיין צו שלמה מולכו.
אומזיסט פארטריבן אויף די ווינטן פון פארגעסונג
דעם וואס געוועזן — דיאגא פירעס.

דבורה:

פארוואס די מורא, שלמה?
וואס רעדסטו אלץ פון זינד און טומאה?

שלמה:

פינסטער

אין מיר די זינד, אין מיר די טומאה.

דבורה:

נישטא קיין זינד, קיין טומאה צווישן מיר און דיר.
דערמאן זיך ווי דו פלעגסט באוואונדערן
דעם ~~גרויסן סוד פון פרצוף.~~
~~ווי ס'האט דיין מויל געפרייזט די גלייכקייט פון די גופים.~~
די בענקשאפט פון די גופים,
וואס זענען איצט צעשפאלטן, האלב
און יאמערן צו ווערן איינס.
געדענקסט ווי שיין דו פלעגסט מיר מסביר זיין
דעם סוד פון אחד?
געזאגט:
די מענטשלעכע באהעפטונג
דאס איז דאס גארן פון דער וועלט נאך אחד.
געדענקסט?

ליידנשאפטלעך. רירט אים אן ביים האנט און שלמה ציי־
טערט אויף

דו ביסט מיין חתן, שלמה — ווער מיין מאן.
ס'איז נישט קיין זינד,
~~עס איז א גרויסע מצוה.~~
וואו ס'לויכט די ליבשאפט מיט דעם ריינעם ליכט,
ווי אונזערע.
און וואו די ליבשאפט מורמלט תפילות צו דעם הימל,

ווי אונזערע.
נישטאָ און ס'קאָן נישט זיין קיין זינד.
~~נישט שטעל אנטקעגן זיך, נישט ראנגל זיך,~~
~~גיב נאָך און ווער מיין מאַן;~~
~~דערצו געבוירן זענען מיר — איך און דו.~~
~~דערצו האָט דיך אחער פאַרטראָגן די השגחה.~~
איך האָב געוואַרט אויף דיר.
דו ביסט געקומען, שטעל דיך נישט אַנטקעגן.
~~עס טאָר קיין מאַנסביל נישט קיין פרוי פאַרשעמען,~~
~~ווען זי באַגערט אים,~~
~~און שטרעקט צו אים איר הענט~~
~~דאָס איז א זינד.~~

דערהנענטערט זיך צו אים

שלמה:

ראַנגלט זיך שטאַרק, ענטפערט שוואַכער, צעטומלט

א וואָרט נאָך, דבורה, און איך וועל פאַרלירן
מיין גאַנצע זיכערקייט.
לאָז אָפּ, לאָז אָפּ.
מען דאַרף נישט.
~~ס'זאָל נישט געשען~~
~~איך איינס מיט דיר — נישט לייביק.~~
~~באַהעפטן זיך — נישט דאָ,~~
~~נישט ערדיש.~~

דבורה:

~~איך וויל דיך דאָ.~~
איך וויל דיך האָבן, שטענדיק זיין מיט דיר.

שלמה:

מיר מוזן זיך צעשיידן.

דבורה:

פעסדיק פאַרעקשנט

ס'וועט קיין זאַך קיינמאָל אונז נישט שיידן,
דו בלייבסט מיט מיר.

שלמה:

מיט פלוצלינקדיקן אויפבליץ

פאַרוואָר! דו ביסט גערעכט,
איך בלייב מיט דיר.

דבורה:

(טריומפירנדיק, גליקלעך):

מיין חתן, דו מיין מאַן באַשערטער!

רוקט זיך נאָענט צו צו אים

שלמה:

ניין, נישט אזוי, נישט דאָס.
~~נישט לעבנדיק~~, אַנדערש.

צקוואַלטירט

וואַרט יעדן שבת. וואַרט אויף מיר.
גרייט אָן א בעכער ווין פאַר מיר צו מאַכן קידוש.
צו איטליכן קבלת שבת וועל איך זיין מיט דיר.
דיין מאַן — נישט גופיק דאָך.
כל זמן דיין זעל וועט אויף דער ערד דאָ הויערן,
וועל איך זיין ביי דיין זייט אין צפת
אום יעדן שבת,
~~וואו ס'זאָל מיין נחת, מיין זעל נישט זיין.~~
און איצטער זיי געזונט.
נישט פרעג און נישט באַדויער.

אלץ און ווי ס'מוז, ווי ס'מאַר נישט אנדערש זיין.
פאַרשטיי מיך איצטער מער,
ווי דאָן, ווען איך האָב מסביר דיר געווען
די הארבע סודות פון קבלה.
דעם סוד פון אחר אין דער וועלט.

בלייבט שטיל. דבורה קלאַמערט זיך אָן אים אין א לעצטן פּרוב. שלמה—אין איבערמענשלעכן ראַנגלעניש. מיט העכסטער איבער־ווינדונג

פאַרשטיי, פאַרגיב.
זאָל גאָט דיר העלפן. זיי געזונט —
און וואַרט.

קערט זיך שנעל אָפּ

דבורה:

שליכצט ארויס

שלומה שלומה שלומה

שלמה:

שטרעקט די הענט נאָך אים

בילד VI

יעקב מאַנטין. — חיים מעדינאַ.
דוד ראובני — שלמה.
יוסף פון אַרלי. — יידן.

רוים. אין אַ שול, אַ סך יידן אנהענגער און געגנער פון שלמה מולכון. נאָכמיטאָג.

יעקב מאַנטין:

עס מוז אויפהערן, ר' שלמה.
עס האָט קיינער נישט געקאָנט אייך שטערן
צו חלומען אין פּאָרטוגאַל
און איינצורעדן זיך און אַנדערע,
אַז עס האָט אייך גאָט באַשערט אַ שליחות,
אַז איר זייט דער
צו ברענגען אונז די בשורה פון דער גאולה.
אוודאי — אייער נאָמען
דאַרף טייער זיין אונז אַלע.
איר האָט אָוועקגעוואָרפן אַלץ —
עשירות, גדולה, וואוילטאָג, כבוד,
און אומגעקערט זיך צו דעם פאָלק.
נאָר אומגעקערט זיך — זייט אַן אתזוערער.

שלמה:

און איך, וואָס בין איך דען?

יעקב מאַנטין:

איך מיין אָן אונזערער אין פירונג.

שלמה:

וואָס טו איך דען?

יעקב מאַנטין:

איר ברענגט אַ גרויסע צרה אויפן כלל ישראל.

שלמה:

מיט וואָס?

יעקב מאַנטין:

מיט אייער רעדן, מיט אייערע הבטחות.
איר זייט געוואָרן דער פאַרפירער
פון גאַנצע עדות יידן.
עס איז גרינג די ברידער צו פאַרפירן.
אין זייער נויט, וואָס זיכט מיט שטאַרע אויגן
אין אַלע ווינקלען פון דער ערד,
זוכט הילף, זוכט רעטונג —
נישט שווער איז איינצורעדן זיי,
אַז עס קומט די גאולה באַלד,
און גאָר דאָס אומגליק,
וואָס טראָגט דעם נאָמען: זיין אַ ייד.
וועט באַלד זיך ענדיקן —
מיט צדק און מיט רו, מיט זאַטקייט און נצחון.

חיים מעדיגאָ:

ער רעדט זיך איין — ער איז אַליין דער גואל,

ער זעט חלומות, טוט אויף מופתים,
זאָגט נבואות —
און עס קומען שוין פון ווייטע לענדער מחנות יידן
צו פרעגן אים, צו בעטן חסד,
צו זיין ביי אים, ווען עס וועט זיין וואָרט
דער סדר-עולם בייטן.
אָט גופא דאָ וועט באַלד אַ גרויסע עדה קומען
און ער וועט ווידער דרשענען צו זיי.

יעקב מאַנטין:

דערצו אַ סוף מוז נעמען.
די גויים וועלן זיך דערוויסן...

חיים מעדיגאָ:

די גויים ווייסן שוין.
מען הערט געגנונג שוין אין די גאַסן,
אַז עס האָט אַ פרעמדער זיך באַוויזן דאָ
און זאָגט די יידן עפּעס צו
און רופט זיי וואו,
און סטראַשעט אַלע שטאַרקע, מעכטיקע און רייכע.

יעקב מאַנטין:

פאַרשטייט איר וואָס דאָס מיינט, ר' שלמה?
עס איז רוים די שטאָט פון פויפסט,
די שטאָט פון נוצרישער ממשלה.
איר זייט געוועזן אַ מאַראַן,
צוריק אַ ייד געוואָרן —
דאָס איז אַ טויטלעך-שווערער חטא ביי זיי,
איר האָט געדאַרפט באַהאַלטן זיך,
אין שטילקייט זיין אַ ייד, אין שטילקייט און הכנעה
און נישט זיך טומלען, רעשן, —

און בוטמעווען און וועקן האַפנונגען.
עס פעלט די גויים נישט קיין תירוץ
אונז צרות אָנצוטאָן,
דאַרפט איר אַ נייעם און אַ שטאַרקן זיי נאָך געבן,
אַז עס זאָל דער כלל ישראל
שוין נאָר קיין קיום אויף דער וועלט נישט האָבן?
מען וועט אונז אַלע עוקר זיין
צוליב די דרשות אייערע,
צוליב דעם וועקן, רופן אייערן.

שלמה:

אין צפת...

יעקב מאַנטין:

איך ווייס, איך ווייס,
מען האָט אין צפת אייך אויפגענומען ווי אַ גואל,
מיט אָרעמס אָפענע, מיט רייד פון גלויבן.
נאָר צפת איז אונז קיין ראיה נישט.
דאָרט זענען אַלע מקובלים,
און אַלע טוען נאָר און ציילן
די טעג, ווען עס וועט משיח זיך באַווייזן.
זיי זענען גרייט צו שרייען:
אתחלתא דגאולתא!
ווי נאָר צו זיי קומט איינער,
וואָס רעדט צו זיי מיט נאַרישע, פאַרגלאָצטע אויגן,
דערציילט זיי מעשיות פון חלומות,
פון זעהונגען און צייכנס.

שלמה:

און אייך, אייך שטייט נישט אָן צו הערן,
ר' יעקב?

יעקב מאַנטין:

עס רעדט זיך נישט פון אָנשטיין.
איר ברענגט אויף אונז, אויפן גאַנצן פאָלק,
אַן אומגליק,
און דאָס מוז נעמען גלייך אַ סוף.

שלמה:

און אויב איך וועל אייך נישט פאָלגן?

יעקב מאַנטין:

דאַן זאָגן מיר זיך אָפּ פון אייך,
נישט לאָזן אין קיין שטוב, קין יידישער
און וואו אַ שול צי אַ בית-מדרש —
עס וועלן אַלע טירן
זיין פיינדלעך און פאַרשפאַרט פאַר אייך.

בײַ די לעצטע ווערטער קומען אַרײַן אַ סאַך ייִדן, אַנ-העגער פון שלמה מולכון, אונטער דער פירערשאַפט פון מקובל יוסף פון ארלי

יוסף פון ארלי:

פאַר וועמען וועלן אַלע טירן זיין פאַרשפאַרט?

חיים מעדינאַ:

פאַר אָט דעם האַלב צי גאַנץ משוגענעם,
וואָס ברענגט אויף אונז די האַרבסטע גזירה
מיט זיינע ווילדע געננ,
מיט זיינע העצעס, רייצונגען פון פאָלק.

יוסף פון ארלי:

נישט וואָגט אַזוי צו ריידן וועגן דעם,
וואָס איז גאָטס אויסדערוויילטער.

ניש‎ט ברענגט דעם הימלס צארן אויף אונזער קאפ
מיט אייער אומכבוד צו אים,
וואס האט גאטס רוף דערהערט,
וואס גאט האט אים צו אונזער נויט געבראכט.

ערשטער אנהענגער שלמהס:

מיר וועלן אים קיין האר נישט לאזן מינערן

צווייטער אנהענגער:

קיין האר נישט לאזן מינערן,
און זאלן די נישט גלויביקע גוט הערן אונזער ווארנונג.

דראענדיקע אויסגעשרייען פון צווישן מולכוס אנהענגער

יעקב מאנטין:

א פירער א משוגענער,
משוגענע געפירטע!
פארבלענדטע — זעט איר נישט די שרפה פון סכנה,
וואס איר צינדט אן מיט אייערע בלינדע הענט.
נאר גאט צו דאנקען —
נישט אלע זענען נאך אראפ פון זינען.
מיר וועלן שוין געפינען וואס צו טאן,
די בלינדע הענט צו צאמען.
עס וועט קיין זאך נישט אפשטעלן אונז
צו ראטעווען דעם כלל.

יוסף פון ארלי:

מיר ווייסן, וואס איר זייט אימשטאנד צו טאן.
מיר ווייסן ווי עס האבן אייערע לייט
געוואלט גאטס אויסדערווײלטן, ווי רשעים אין באהעלטעניש
פארסמען.
ר' שלמה, זאגט אליין —
איז אמת וואס איך זאג?

שלמה:

די גאנצע צייט אין קלעם פון ווייטאק, ספקות, ראנגלעניש

ס'איז אמת.

יוסף פון ארלי:

הערט אלע, אלע:
ס'איז אמת.
פארסמען האט מען זיך געקליגט ר' שלמה מולכון.
וואס בלייבט דעריבער אונז צו טאן?
ס'איז קלאר:
מיר מוזן ווערען, שיצן זיך.
זיך זעלבסט און דעם, וואס טראגט צו אונז
דעם אנקום פון ישראלס גרעסטער האפנונג.

ערשטער אנהענגער שלמהס:

מיר וועלן אים באשיצן
אויף לעבן און אויף טויט.

נאך אן אנהענגער:

אויף לעבן און אויף טויט!

אנדערע אנהענגער: מיט אמאל

אויף לעבן און אויף טויט?

יעקב מאנטין:

מלחמה איז מלחמה.
דער כלל איז גרעסער ווי דער יחיד,
עס מוז דער כלל באווארנט ווערן
פון א משוגענעם באגלייך מיט די,
וואס ער האט אין זיין הזלקייט מיטגעשלעפט.

צו זיינע אנהענגער

קומט, לאָמיר גיין.
מיר האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן.
און סיידן ס'משוגעת האָט גאָר די וועלט צעטומעלט,
וועט אָט דער גר די הערצער און די מוחות פון בּי ברידער
ניט נאַרן לאַנג.

גרייט ארויסצוגיין

שלמה מולכו:

א וואָרט, ר' יעקב,
א וואָרט מיט אייך ערלויבט.

יעקב מאַנטין:

כ'האָב אַלץ געזאָגט, וואָס כ'האָב געהאַט צו זאָגן,
איר האָט מיין וואָרנונג.
אייער ברירה איז צו פאָלגן אָדער נישט.
נאָר שפּעטער זאָלט איר קיינעם ניט באַשולדיקן חוץ זיך.

שלמה:

וואָס ווילט איר טאָן?
וואָס וועט איר?

יעקב מאַנטין:

עס וועט קיין זאַך מיך מער ניט אָפּהאַלטן
דעם כּלל פון אייך און אייערם גלייכן צו באַוואָרענען.

שלמה מולכו:

איר וועט מיך מסרן צום מלכות?

יעקב מאַנטין:

כ'וועל טאָן וואָס וועט נאָר נויטיק זיין.

יוסף פון ארלי:

אויף מאַנטינען און זיינע לייט
איז אַלץ צו גלויבן.
וועט מסרן.
דערום, באַצייטנס, ברידער.
עס זאָל קיין מסור נישט באַשטיין ביי יידן.
נישט לאָזט אים דורכפירן זיין זינדיקע כוונה

די אָנהענגער שלמהס ריגלען ארום מאנטינען און ווילן אים וואו פארשלעפּן. מאנטינס אנהענגער לויפן צו גרייט צו פארטיידיקן זייער פירער

שלמה:

צו זיינע אָנהענגער

לאָזט אָפּ, נישט טשעפּעט אים,
און מאַכט נישט ערגער איין עבירה מיט א צווייטער.
קיין פינגער זאָל אים נישט באַרירן!

צו מאנטינען

און אייך, ר' יעקב, וויל איך זאָגן:
מיך שרעקט נישט אייער וואָרנונג,
מיך אַרט נישט דאָס וואָס איר ווילט טאָן.
איך בּין געוואוינט און צוגעגרייט.
נאָך דאָרט אין ליסאַבאָן האָט מיך אַן אַלטער פריינד געוואָרנט
אַנטקעגן מיינע אייגענע, די שותפים פון מיין בּלוט און
שטאַם.
איך האָב אויך שוין פאַרזוכט דעם טעם פון זייער שנאָה.
ווי קאָן זי אָפּט זיין בּיטערער ווי פרעמדער האַס און צאָרן.
מיך שרעקט נישט קיין שום שטראָף,
און אויב מיין גורל איז קידוש-השם —
געבּענטשט דער נאָמען,
געבּענטשט מיין גורל!

ס'וועט זיין מיין ליכטיקסטע, געגאַרטסטע שעה.
נאָר מוז איך טאַקע מיטנעמען מיט זיך
די שוואַרצסטע ביטערקייט?
מוז איך צוזאַמען מיט דעם פּלאַם
אויך איינשלינגען דאָס שלעכטס,
די בלינדע רשעות אויך פון איינגנע, פון ברידער,
פון די צו וועמען כ'טראַג די גרעסטע בשורה,
מיין וואַרעמסטע ליבשאַפט?
צי מוז דעם לעצטערדיקן שונאס שמחה זיין אַ טאָפּלטע?
ר' יעקב: נישט קיין שלעכטס וויל איך,
און כ'וועל אויך קיינעם נישט פאַרפירן.
איך הער נאָטס רוף, איך פאָלג בלויז זיין געבאָט,
און כ'טו בלויז וואָס איך מוז טאָן
ביינאַכט — בייטאָג —
מיך פירט אַ האַנט וואָס נישט פונדאַנען.
כ'זע צייכנס קלאָרע, וואָרע,
און כ'קינדיק אָן דאָס וואָרט פון גאָט:
באַלד-באַלד,
און אויסגעלייזט וועט זיין דאָס פאָלק,
מיט אים, דורך אים — די וועלט,
און ס'וועט דער יושר קעניגן מיט גבורה און מיט אמת.
נישט טוט, ר' יעקב, וואָס איר ווילט טאָן.
כ'בעט נישט פאַר זיך.
איך בעט פאַר אייך.
און פאַר די ברידער,
און פאַר דעם כבוד פון אַלמעכטיקן.

יעקב מאָנטין:

דערעסן זענען אָט די רייד מיר.
איך גלויב אין זיי נישט.
און כ'ווייס:
נאָר שלעכטס האָט יעדערער צו אונז געבראַכט,

וואָס האָט אונז מיט אַזוינע רייד געוואָלט באַצווינגען.
די מאָס פון יידישע יסורים האָט געמערט זיך בלויז.
ס'באַדאַרף אַ ייד נאָר וואַרטן, אויסוואַרטן.
און ווען עס קומט אַ ווינט אַ בייזער —
זיך בייגן.
איך זע ניט קיין חלומות
און הער נישט קיינע שטימען.
נאָר כ'ווייס:
כ'מוז ראַטעווען דעם כלל פון אייך

שלמה:

גוט. גייט. און טוט ווי אייך געפעלט.
איר לענט זיך אָן אָן דעם וואָס איז,
ווי ס'איז.
מיין שטיץ איז דאָס, וואָס איז נישט פון דאַנען,
און ס'איז אַ קיניגרייך אָן גרעניצן, אָן מורא.

יעקב מאָנטין:

קיין פרעמדער שונא האָט אונז קיינמאָל נישט
אַזוי פיל שאָדן ווען געבראַכט,
ווי די צעשטערערס און פאַרוויסטערס, וואָס זענען
פון אונז אַליין אַרויס

צו די אָנהענגער

קומט!
מיר מוזן גיין.
נישטאָ וואָס מער צו טאָן דאָ.
מיר מוזן טאָן דאָס איינציקע, וואָס איז געבליבן — דאָרטן.

ווייזט אויף דרויסן, אין דער ווייט אַוועק

חיים מעדיגאָ:

דאָס איינציקע.

מיר מוזן אָפּשיידן זיך
פון אַט די אַלע פאַלשע אויסלייזערס.
זיי זענען אונז געוואָרן ווי אַ מכה,
ווי אַ צרעת.

מאַנטין מיט די אַנהענגער — אָפּ

שלמה:

בלייבט שטיין אַ ווײַלע שטיל. טיף געקרענקט. אין גרויסער ראַנגלעניש

די פאַלשע אויסלייזערס!
עס שפּיזט דאָס וואָרט אין האַרץ מיר גלייך.
און אפשר איז גאָר ער גערעכט?
און איך בין טאַקע נאָר אַ פאַלשער?
צי איז גאָטס וואָרט אין מיר?
צי אפשר זענען אַלע זעהונגען און רופן נאָר אַ בלענדעניש?
די, וועמען כ'טראָג די בשורה —
צו די בין איך אַ מכה, אַ צרעת.
וואו איז דער אמת?
און ווער גערעכט?

צו די אַנוועזנדע

בין איך אַ פאַלשער? זאָגט די וואַרהייט?
צי בלענד איך אייך, פאַרבלענד אייך?

יוסף פון ארלי:

ווי שמערצלעך איז אייער ספק מיר, ר' שלמה.
ווי קאָנט איר רעדן, וואָס איר רעדט?
צי ווילט איר פּרובן אונז?
אפילו דער, וואָס האָט דעם שוואַכסטן גלויבן,
באַדאַרף אויך מער קיין ראיות נישט.
מיר האָבן אַלע קלאָר געהערט,

וואָס איר האָט אָנגעזאָגט בנבואה.
מיר האָבן אַלע אויך געזען,
ווי אַלץ וואָס איר האָט אָנגעזאָגט,
איז צו דער צייט אַ וואָר געוואָרן.
און דוד ראובני!
ער איז געווען דער פונק,
וואָס האָט דעם פלאַם פון אייער שליחות אָנגעצונדן
און איצט —
ער גיט אָן אייך קיין ריר זיך נישט.
כסדר פרעגט ער נאָך:
וואָס האָט געזאָגט ר' שלמה?
וואָס האָט אים גאָט געוויזן אין זיין זעהונג?
און וואָס איר זאָגט —
דאָס טוט ער.

נאָך אַן אַנהענגער:

און דוד ראובני איז אָנגעלייגט אין אַלע העכסטע פלעצער.
און אַלץ דערפאַר,
וואָס איר ווייזט אים דעם וועג.
פאַרוואָר, ר' שלמה.
מיר ווייסן ווער איר זענט,
פונקט ווי מיר ווייסן, אַז דוד ראובני
איז דער, וואָס פאַר אייך.

שלמה:

דענקט נאָך פאַרטיפט. ביי ראובנס נאָמען ווי אויפגעריסן

אָ, דוד ראובני —
ווען קומט ער? באַלד?

יוסף פון ארלי:

ער ווערט ערוואַרט אין גיכן.

שלמה:

ווי אויסטערליש, פאַרבאָרגן,
נישט צו פאַרשטיין די וועגן פון דעם האר פון האָרן.
ווי לאַנג צוריק, ווי דוד ראובני
איז מיר געוועזן לערער, רופער, מאָנער, פירער,
און איצטער לענט ער זיך אָן מיר,
און קומט צו מיר נאָך עצות.
דער שר פון יידן —
צו מיר.
איז דאָס אַ צופאַל נאָר?

פאַרטראַכט זיך אַ ווייל

נישטאָ קיין צופאַל.
גאָטס האַנט אין אַלץ,
און ס'ליגט גאָטס האַנט מיט חסד אויף מיין קאָפּ.

יוסף פון ארלי:

פאַרוואָר! זי רוט אויף אייך, ר' שלמה.
זאָל שטאַרקן גאָט אייער האַרץ
צו טאָן וואָס אייך באַשערט.
עס וואַרט דאָס פאָלק אין הייליקער, פאַרטיפסטער וואַרטונג
עס וואַרט די גאַנצע ערד
אויף אויסלייז און אויף אמת

שלמה:

דאָס וואַרטן וועט נישט זיין אומזיסט, ר' יוסף.
אַ ליכטיקער און שטאַרקער כח
פילט אָן מיין האַרץ,
און מיט באַגער נאָך גרויסע מעשים
וואַקסט העכער אַלץ מיין זעל.

יוסף פון ארלי:

געבענטשט דאָס מויל, וואָס רעדט אַזוי
געבענטשט די שעה, וואָס הערט אַזוי אייך רעדן.

שלמה:

מיר דאַכט, מען גייט. ר' דוד?

עס קומט אריין דוד ראובני — יוסף ארלי און אנדערע גייען אויס רעספעקט ארויס

שלמה:

איך האָב געוואַרט אויף אייך, ר' דוד.
אייער זאַמען זיך —
וואָס פאַר אַ סימן איז עס?

דוד:

איך ברענג אייך נישט קיי האָפּערדיקע נייעס.
ר' שלמה.

שלמה:

דערציילט ווי ס'איז אייך צוגעגאַנגען,
ר' דוד
פאַר אונז איז דורכפאַל נים קיין מאָס.

דוד:

כ'קאָן גאָר ניט פועלן.
איך קום. מען הערט מיך אויס.
עס דאַכט מיר, אַז מען נייגט דאָס אויער נייגעריק
צו מיינע רייד.
נאָר ווי עס קומט צו טאָן, וואָס איך פאַרלאַנג,
ווערט אָפּגענומען גאָר דער חשק.
ס'וויל קיינער זיך נישט שיידן מיט האַרמאַטן.
און יעדער האַלט טייער זיין געווער.
איך קאָן די הילף נישט קריגן וואָס איך דאַרף —
כלי-זין פאַר מיין ברודערס חיל.
די קנאה-שנאה ברענט

צעשמעלצט אויף נישט די איידלסטע כוונות.
אזוי געווען אין פארטוגאל, וואו קאטערינעס שנאה
איז מעכטיקער געווען אפילו ווי יאנס באגער נאך רום און
מאכט,
אזוי אויך אין די לענדער פון איטאליע.
עס מישט א שטערעניש כסדר זיך אריין, און מאכט צונישט.
מען שיקט פון הויף צו הויף מיך
איך גאר נאך מעשים.
מיך רייסט צום שלאכטפעלד,
איך בין געווארן נאר א בעטער אין די הויפן
פון דעם פיל-רערענדיקן מערב.

שלמה:

הערט אויפמערקזאם. אין מיטן דודס ריידס ווערט רייף
א לאנגגעטראטער און געפעסטער באשלוס

איך האב שוין לאנג געטראכט,
און אט איז דא דער פורעם
פון מיין מחשבה:
ס'איז אונזער וועג נישט דוקא דורך די הויפן,
נישט דורך די הערשער בלויז.
דאס פאלק. עס ווארט אויף אונז.
צו אים, דורך אים פירט אונזער שליחות.

דוד:

וואס פאר א פאלק?
דאס יידישע?
וואס קאן עס טאן אליין?
נאר וויינען, קלאגן.
עס וויינט און קלאגט גענוג שוין.

שלמה:

ניין, ניט די יידן בלויז.

ס'איז אונזער וועג —
דורך יידן צו דער וועלט.

דוד:

וואס ארט דער וועלט פאר אונז?
און זאל עס אונזער דאגה זיין
די וועלט פארזארגן?

שלמה:

ווי עס קאן די וועלט אן יידן נישט קיין קיום האבן,
קאן אויך דאס פאלק, דאס יידישע, נישט ווערן אויפגעריכט,
ביז ס'וועט די וועלט...

דוד:

איך גלויב, איר זענט א מאן פון גאט,
ר' שלמה.
און אייער ווארט איז אפט מיר בייגעשטאנען,
נאר כ'קאן אין אייערע זעהונגען נישט מיטגיין
און כ'האב קיין פליגל נישט צו פליען.
עס איז מיין ציל א פשוטער.
מיין ברודער האט היילות,
די מערב-לענדער קאן די הילף צוניץ קומען,
וואס מיין ארמיי האט אנצובאטן זיי —
אנטקעגן טערק.
פאר אונזער הילף זאל אונזער פאלק
באקומען ווידער ס'לאנד,
דאס הייליקע, געגארטע לאנד, פאר זיך אלס היים.

שלמה:

און דאן?...

דוד:

דאן איז דער ציל דערגרייכט.

אַן אייגן לאַנד.
ווי יעדעם פאָלק דאָ אויף דער ערד.
און לעבן זאָל דאָרט אונזער פאָלק,
און מער נישט אָנקומען צו פרעמדער לאַסקע,
וואָס ווערט געגעבן מיט אַ האַנט פון שטעכיקייט,
און מיט אַ האַרץ פון שנאה, חשד און נישט פאַרגינען.
דערצו בין איך אַוועק פון מיין געבורט-לאַנד.
דאָס איז מיין טוּאונג דאָ אין מערב.

שלמה:

אַ לאַנד ווי אַלע פעלקער,
און גאָרנישט מער?
וואָס נאָך?

דוד:

דאָס איז גענוג
איך קאָן נישט צוזען ווי עס שאַרן זיך די ברידער
אין יעדן לאַנד פאַר יעדן האָר.
איך קאָן נישט צוזען ווי פאַר יעדער טיר
מען טרייבט זיי,
ווי חיות קרעציקע,
און ווי דורך יעדער שפּאַרע
זיי קליגן זיך צוריק אַריינצוקריכן.
ס'איז בעסער איינמאָל טויט
ווי טויזנטער אַזוינע לעבנס.

שלמה:

גלייך טרעפט צו מיר אין האַרץ אַריין,
דער ווייטיק, וואָס איר האָט דאָ שאַרף אַזוי
פאַרשפּיצט מיט קאַרגע רייד
נאָר וואָס איר ווילט —
איז נישט דער רוף פון גאָט צו זיין געליבטן פאָלק.

נישט נאָר אַן אייגן ווינקל איז דאָס מזל פון דעם אויסדערוויילטן.

זיין גורל איז גאולה,
נישט נאָר פאַר זיך אַליין —
פאַר גאַנצער וועלט!

דוד:

מיר קלינגען פרעמד אַזוינע רייד.
די לערן, די געהיימע —
כ'באַנעם זיי נישט.
מיין האַרץ באַנעמט, עס דאַרשט מיין האַרץ:
דאָס פאָלק מוז אויפהערן צו זיין
ווי בעטלער אומעטום,
געבוינגענע און נישט געוואונשענע.
אַ לאַנד פאַר זיי,
די ערד, די אייגענע, צוריק,
און זי באַקומען מיט דעם אייגענעם כח,
מיט חיל און געווער,
ווי קריגסלייט, ווי גבורים, ווי אַמאָל די מכבים!

שלמה:

ניין, ניין, נית דאָס, ר' דוד,
נית דאָס אַליין.
דאָס אויסדערוויילטע פאָלק
זוכט נית קיין לוין, קיין רויב פון קריג.
נישט אויסגעקויפט, נישט אויסגעביטן ווערט זיין צער
דורך נוצן נאָר פאַר אים.
דורך אונז, דורך אונזער ווייטיק — צו דער וועלט.
מיט אונזער פיין די וועלט דערלייזן.

דוד:

דאָ גייען מיר פונאַנדער זיך.

ר' שלמה.
כ'טרעט אָפּ.
איך האָב נישט מורא פאַר סכנות —
ווען ס'איז אַ וואַנט, וואָס כ'זע פאַר זיך,
און וואָס איך מוז און וויל זי דורכברעכן.
אַ חלום קאָן פאַרנעפּלען נאָר, צעדולן.
עס איז נישט פאַר מיר.
כ'פאַר היינט שוין אָפּ פון רוים.

שלמה:

אביסל פארוואונדעט, געקרענקט. זעט איין, אז עס איז פארטאָלן

מיר וועלן זיך נאָך זען, ר' דוד.
נישטאָ אזא באַהעלטעניש,
וואוהין גאָטס רוף זאָל נישט דערגרייכן, נישט געפינען.

דוד:

שיידט זיך שטיל מיט שלמהן. מיט אנטשלאָסענעם קוק — אָפּ

שלמה:

זיי גייען רק אוועק.
איך בלייב אַלץ מער אליין
אַלץ ווייניקער פארשטאַנען
און מיטגעפילט נאָך ווייניקער.
אַזאַ אחריות!
אַזוינע שרעקלעכע נסיונות.
און איך אליין בלויז מיט מיין לעבן,
בלויז מיט מיין לעבן אין דער וועלט
בלויז מיט מיין לעבן — קענן וועלט...

בילד VII

א המון.
ערשטער פון המון.
צווייטער פון המון.
ערשטע פרוי.
צווייטע פרוי.
ערשטער גלח.
צווייטער גלח.
יעקב מאַנטין.
חיים מערינגאַ.
צווייטער ייד.
יוסף פון אַרלי.
שלמה מולכו.
זעלנער.
מאַנכע אָנהענגער שלמהס.

אין רוים, פאַרנאַכט. הינטער אַ וואַנט אויכער שטאָט. אַ מחנה מענטשן, מערסטנס קריסטן, מערסטנס אָרעמע. מענער, פרויען, אויך קינדער, הערן מיט נייגעריקייט וואס שלמה רעדט. קלאַנג פון קירכן־גלאָקן דערטראָגט זיך פון דער ווייטנס און דויערט דורך דער גאנצער סצענע. צווישן דעם עולם זעט מען מאַנכע אנהענגער שלמהס, און יוסף פון ארלי קוקט מיט פארזיכט אויף דער מחנה. זוכט עמעצן. שלמה — אָנגעטאָן אין צעריסענע קליידער, אָרעם ווי די מערסטע פון עולם. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, האַלט שלמה אין מיטן רעדן

שלמה מולכו:

.... איך האָב געזען, ווי עס האָט פון אַלע עקן וועלט
אַ גרויסער שטורם זיך געהויבן,
און פינצטער וויסט איז אַלץ אַרום געוואָרן,

נאָר ערגעץ האָט אַ פונק געלויכטן.
אריבער שטורם און פּאַרטיליקונג
האָט ער מיט יום-טוב און מיט פרייד געפינקלט
עס האָבן זיך געשטאַרקט די ווינטן
דאָס פינטל ליכט צו לעשן,
נאָר עס האָט דער שטורם
אים ניט געקאָנט באַזיגן.

איך האָב געזען ווי עס האָט אין מערב-זייט
אַ וואַנט געשפּאָלטן זיך אויף צוויי
אין אַ פאַרשייטן פּאַלאַץ,
וואָס איז געשטאַנען איינגעטונקען
אין גערטנער רייכע, פאַרביקע און שמעקעדיקע,
און עס האָט זיין פונדאַמענט געלעקט אַ גרויסע נאַסע חיה.
די חיה האָט איר גרינע, אומרחמנותדיקע צונג
אַדורכגעשפּאַרט אין שפּאַלט פון וואַנט,
און אַלעם לעבעדיקע זשערנע אָפּגעווישט.
געשריי פון פרויען און געוויין פון קינדער,
פאַרווירונג צווישן מענער.
און פגרים אומעטום, געשוואָלענע און בלויע פגרים.
איך האָב געזען אַ וואַלד מיט שאַרפע, רויכערדיקע שווערדן,
מיט שווערדן הענגענדיקע איבערן קאָפּ
פון אַ פאַריסענער און גאוהדיקער שטאָט.
בלוט האָט גערונען פון די שווערדן,
ווי פון די העלזער פון געשאָכטענע בהמות.
פאַרשוואַנקען האָט דאָס בלוט די מענטשן.
נאָר הענט נאָר געלע אָפּגעפליקטע הענט
האָבן דאָ און דאָרט פון רויט-געדיכטן ים
אַרויסגעשטעקט.

איך האָב געהערט ווי עס האָט אַן אויסטערלישער רעש

געגומען טראָגן זיך פון צפון,
און מתים האָט עס אָנגעיאָגט אַהער,
און פול געמאַכט די גאַסן.
די מתים האָבן זיך געלעגט, די מתים האָבן זיך געשטעלט.
עס האָט לייב, פאַרפוילטס און טויטס, אָן לייב געפּרעסט,
און עס איז געוואָרן אַ געמיש
פון לייב, צעקוועטשטן ביז דעם ביין
ביז געלן, ביז פאַרבלוטיקט-געלן ביין...

ערשטער פון המון:

און דער באַשייד!
וואָס מיינט די זעהונג דיינע?

צווייטער פון המון:

דו שרעקסט נאָך מער
ווי עס האָט אַמאָל געשראָקן סאַוואָנאַראָלאַ,
דער אימפּעטיקער, בייזער פריאָר פון פלאָרענץ —
וואָס ווילסטו מיט דיינע שרעקענישן?

אַ סך שטימען:

דערציייל אונז וואָס עס זענען אָט די צייכנס,
וואָס פאַר אַ צאָרן זאָגן זיי אונז אָן?

אַ סך שטימען:

זאָג דעם באַשייד! באַשייד!!!

שלמה מולכו:

ווי קלאָר איך הער די גלוסטונגען פון אייער נייגעריקייט
זע איך נאָר קלערער וואָס עס קומט,
וואָס מוז אין גיכן קומען.
און הערט!
הערט וואָס עס האָט מיר גאָט געוויזן דורך דעם חלום:

ווי מחנות הונגעריקע וועלף,
ווי באַנדעס אויפגערייצטע יונגע לייבן
נענענען, רוקן זיך חיילות אָן אויף רוים —
דער שמוץ-גרוב פון דער טומאה.
זיי וועלן אָפּווישן די שטאָט פון צווישן שטעט.
עס איז פול איר מאָס פון בלוט און זינד און שאַנד.
געקרוינטע קעפּ וואָס קיניגן מיט ליגן,
די רייכע און די זאַטע, איבערזאַטע,
וואָס פרעסן רק די אָרימע,
זיי וועלן אַלע זיין פאַרצוקט
און פעלן וועט נאָר ערד,
די מתים צו פאַרדעקן.
און די מלחמות וועלן נאָך זיך שלעפּן
חולאתן און מגפות.
ווען עס וועט די שווערד פאַרקוקן —
וועט ענדיקן די פעסט.
דער טאָג איז נאָענט
גאָטס צאָרן גרויס,
און אָט באַפאַלט ער מיט גערעכטער שאַרף דעם קאָפּ
פון דער פאַראומרייניקטער און זינד-באַפלעקטער שטאָדט.

צווייטער פון המון:

האָסט שרעק אויף שרעק אונז דאָ געמאָלן.
איז איינער דער באַשייד:
דער אונטערגאַנג פון רוים —
דעם שמוץ-גרוב פון דער טומאה?

שלמה מולכו:

ניין, ניט בלויז רוים.
גאָטס צאָרן מעסט די לענג און ברייט פון גאַר דער וועלט.
און הערט,
הערט דאָס וואָרט פון גאָט:

אין צפון וועלן הויך די טייכן אָנגעשוואָלן ווערן,
אַריבער אַלע ברעגן, בריקן וועלן שטורעמען די וואַסערן,
און אָפּשווענקען, דערטרינקען אַלץ און אַלעמען.
אין צפון וועט עס זיין,
און עס וועט געשען אויך נאָענט לעבן אייך
אין מערב, אין אַ מערב-לאַנד,
וואו בלוי דער הימל, זאַפטיק, פעט די ערד,
דאָרט וועט די טריקעניש אויפפרעסן דאָס מויל,
פאַרשלינגען מענטשען, הייזער,
בהמות אין דעם פעלד,
די חיות אין די נאָרעס —
און ווי וועט זיין דעם יעניקן,
וואָס וועט נישט גלויבן.

עטלעכע פרויען מיטאַמאָל:

וואָס נאָך? וואָס נאָך האָט דיר גאָטס מלאך אָנגעוויזן?
וואָס נאָך איז אונז פאַרשריבן אויף די טאָוולען פון דעם שפּעטער?

שלמה מולכו:

צעשפּאַלטענע די הימלען הענגען איבער קעפּ און אויגן,
אַ פייער גייט אַרויס און...
נאָר וואָרט? צו וואָס?
איר וועט שוין זען די צייכנס,
וואָס זאָגן אָן דאָס קומען פון דעם פאַרטיק-גרויסן טאָג,
און ווי וועט זיין צו דעם,
וואָס וועט נישט גלויבן.

ערשטער פון המון:

און וואָס איז גאָטס כוונה?
נאָך וואָס וועט ער אונז האַרב אַזוי אַלץ פּרובן?
צו וואָס דאָס שרעקן אונז?

שלמה מולכו:

ניט שרעקן וויל איך, נייערט ברענגען אייך א בשורה,
און ווארענען די בלינדע
און אנזאגן די שווערע אויפן גלויבן,
זיי זאלן וואשן זייערע רויטע זינד,
און תשובה טאן און גרייטן זיך,
ווי לאנג עס איז נאך שעת-הכושר.

ערשטע פרוי:

עס איז הייליקייט אין זיינע רייד.
ער רעדט ווי אין די געטלעך-שטראפעדיקע ביכער.

צווייטע פרוי:

איך גלויב אין אלעם, וואס ער זאגט.
ווי קאן מען אים ניט גלויבן?

א סך מיטאמאל:

גערעכט!
ווי קאן מען אים ניט גלויבן?
ער איז פון גאט געשיקט.
עס רעדט גאטס ווארט צו אונז דורך זיינע ליפן.

צווייטער פון המון:

מיר זענען ארעמע, געמיינע מענטשן.
דו רופסט נאך ריינקייט צו אונז,
וואס גייסטו ניט אהין, וואו עס ווימלט אומריינקייט
אין רייכטום און אין וואוילטאג,
וואו עס בלענדט די זינד מיט גאלד און זילבער
מיט דימענטען, מיט זייד און סאמעט?

שלמה מולכו:

איך וועל גיין! איך וועל גיין!

נאר עס קומט גאטס ווארט צוערשט
צו די באליידיקטע, פארשטויסענע.
עס קומט ווי עס קומט א בעטלער צו א רייכער טיר,
און דאן ווי עס פאלט א גנב אן ביינאכט.

ערשטער פון המון:

און ווער וועט זיין דער שליח?
דורך וועמען וועט אונז דער גערעכטער גאט
זיין וועג פון אמת ווייזן
און מיר — מיר וועלן אים דערקענען?

שלמה מולכו:

אומאנטשלאסן, ווי פאר זיך

און אפשר רעדט ער איצט צו אייך —
איז איינער פונקט ווי איר,
אליין אן ארעמער, געמיינער,
אליין פארשטויסענער, פארווירטער.

דער עולם כאפט זיך ניט מיט אמאל, וואס ער מיינט, דאן שטארק צערודערט קוקן זיי זיך אן איינער דעם צווייטן, רעדן, פרעגן, וואונדערן זיך, פרייען זיך. קיינער אויסער יוסף פון ארלין באמערקט ניט ווי עס קומען אריין עטלעכע גלחים מיט באוואפנטע מיליטער־לייט, אנגעפירט פון יעקב מאנטין און אנדערע יידן

יעקב מאנטין:

אט איז ער, דער, וואס יידן ווילן אים ניט קענען
און וועלכער האט אייך אויך פארראטן —
א קריסט געווארן האט ער אפגעקערט זיך פון אייער גלויבן,
און איצטער בונטעוועט ער ס'פאלק,
און רופט עס קעגן מלכות.

ערשטע פרוי:

וואס? וואס?

א ייד איז ער?
עס האָט באַלד דאָס האַרץ געזאָגט מיר,
אַז עפּעס איז נישט גלאַט דאָ.

ערשטער פון המון:

ווי קלוג עס זענען דאָס די הערצער פון די ווייבער!...

צווייטער פון המון:

נו, שטיל, לאָזט הערן. לאָמיר אַלעם וויסן אַקוראַט.

יעקב מאָנטין:

יאָ, יאָ.
ער איז אַ ייד.
הלוואי וואָלט ער עס קיינמאָל נישט געווען.

צו די גלחים

איר זעט — אַזוי כּסדר נאַרט ער אַלע.
אַמאָל באַווייזט ער זיך אין שולן צווישן יידן
פאַרפירט די הערצער פון די אומגליקלעכע ברידער
מיט פאַלשע האָפנונגען, מיט גאָלדענע הבטחות.
און אָט איז דאָ ער,
דאָ צווישן אייערע געטרייע אונטערטאַנען,
און העצט זיי קעגן דער רעגירונג,
אַנטקעגן אַלע חשובע און הויך-געבוירענע,
אַנטקעגן אַלע רייכע.
גאָר מיר — מיר ווילן אים נישט קענען.

חיים מעדיגאָ:

מיר ווילן אים נישט קענען!

נאָך אַ ייד:

מיר ווילן אים נישט קענען,
נישט אונזערער איז ער.

ערשטער גלח:

אַ פיינע זאַך! עס מסרט איין געמיינער אַ צווייטן

צווייטער גלח:

נו, אין מסירות זענען יידן גרויסע בריות
זיי ווערן רייך פון יעדן אומגליק פון אַ צווייטן,
אפילו פון אַן אייגענעם.

יעקב מאָנטין:

נישט קיין מסירה!
מיר טוען ווי עס פאָדערט דאָס געזעץ פון לאַנד,
און עס הייסט אונז דאָס געוויסן
און זאָלן מיר רחמנות האָבן?
האָט ער אויף אונז רחמנות?...
נו, קלערט נישט פיל, געערטע פריסטער.
באַפעלט די זעלנער שנעל אים צוצונעמען.
פאַרנעמט אים, אָט דעם ייד,
וואָס יידן ווילן אים נישט קענען.

חיים מעדיגאָ:

פאַרנעמט אים!

נאָך אַ ייד:

פאַרנעמט אים! שטעלט אים צו דעם טריבונאַל.
און טוט ווי עס הייסט אייך דאָס געזעץ.

די גאַנצע צייט פון די לעצטע רייד האָט דער המון קוים געקאָנט איינהאַלטן זיין צאָרן. איצט פּלאַצט ער מיט אַמאָל אויס

צווייטער פון המון:

אַ ייד! אַ ייד איז טאַקע ער.
דאָס דאַרף אים נישט געשאָנקען ווערן:

ערשטע פרוי:

אין תפיסה ווארפט אים,
און זאָל דער גרויסער טריבונאַל
אים משפטן פאַר זיינע העצעס,
פאַר זיין פאַרראַט און זיינע ליגנס.

צווייטע פרוי:

צו גוט פאַר אים די תפיסה.
וואָס שנעלער אויפן שייטער-הויפן,
און זאָל דאָס פייער פרעסן גליך נאָך גליך
דעם יידן אומריין לייב.
האָט אונז גענאַרט דאָ לאַנגע טעג.
נים אויסגעזאָגט אַלץ ווער ער איז.
איצט ווייסן מיר!

ערשטע פרוי:

איצט ווייסן מיר!
פאַרברענט וואָס שנעלער זיין געביין.

אַ סך פון המון מיטאַמאָל

פאַרברענען! פאַרברענען אים!

שטימען פון המון:

עס האָט זיך שוין צעשפּילט דאָס פּעבלדיקע בלוט.
אָט ערשט געווען ביי זיי אַ גאָט,
און איצטער... טפו!

שפּייט אויס און קערט זיך אָפּ, בעת די גלחים מיט די זעלנער, וואָס האָבן אַלע מיט פאַרגעניגן געקוקט אויפן צעבושעווען המון, דערנעענטערן זיך צו שלמהן, וואָס שטייט די גאַנצע צייט אַ רואיקער, אַ ליכטענדער, אַ פריידיקער.

ערשטער גלח:

איז אמת, וואָס דער ייד דערציילט דאָ?
דו האָסט זיך אָפּגעקערט פון אונזער ריינעם גלויבן,
און ביסט אַ ייד געוואָרן?

שלמה:

יאָ, כ'בין אַ ייד, אַ ייד!
און איך באַדויער נאָר,
וואָס נישט אַ ייד בין איך געקומען אויף דער וועלט.

צווייטער גלח:

וועסט האָבן צייט דיין חוצפה צו באַווייזן
ביים הייליקן געריכט.

צו די זעלנער

פאַרנעמט אים!

שטימען פון המון:

פאַרברענען אים, פאַרברענען!
מיר וועלן אַלע קומען טאַנצן אויף זיין אַש.

די זעלנער פירן ארויס שלמהן, וועמענס פנים לייכט מיט גליק. די גלחים פאַראויס מיט אויפגעהויבענע צלמים. שלמהס אנהענגער, חוץ יוסף פון ארלי, צעקריכן זיך פאַר מעלעך, טאַרקלעמטע. מאַנטין מיט זיינע אנהענגער, מיט געבויגענע קעפּ, גייען אַוועק אין אַ אַנדער זייט

יוסף פון אָרלי:

במעט אליין אויף דער סצענע

ס'האָט מאַנטין זיינס געטאָן.
גאָטס שטראָף וועט אים שוין אויסגעפינען.
און שלמה מולכו,
גאָטס אויסדערוויילטער —
ער וועט נאָך ווייזן זיך
די מאַנטינס צו פאַרשעמען מיט זיין ליכט און גוטסקייט.

בילד VIII

קאַרדינאַל דאַ ביביענאַ.
פּויפּסט קלעמענט דער זיבעטער.
מאַרקיזין איזאַבעלאַ דיעסטע.
שלמה מולכו.

אין קלעמענטס דעם זיבעטענס אינערלעכע צימערן, אין וואַטיקאַן. עס איז היבשע עטלעכע חדשים נאָך דער לעצטער סצענע. שלמה מולכו זעט אויס אָפּגעצערט. לויכט מיט גײַסטיקער, נישט ערדישער שײַנקייט

דאַ ביביענאַ:

יאָ, מולכו, כ'מוז זיך מודה זײַן —
כ'וויל בעסער הונדערט מאָל זײַן קאַרדינאַל ביביענאַ,
ווי איין מאָל שלמה מולכו,
ווי ס'זאָלן פול ניט זײַן די טייכן
פון מײַנע שפּעטערדיקע טעג —
זיי וועלן נישט אָראָפּשווענקען אָט יענעם טאָג
פאַרבײַ שוין לאַנגע שטורמישע חדשים,
און כ'זע נאָך אַלץ די ווילדע, ליאַרמענדע מאַנאַכן,
און הער די קולות, אָנגעשאַרפטע מיט סטראַשונקעס,
און אַלץ, —

ווײַל ס'האָט דער כיטרער, קונציקער קלעמענט
אַרויסגעריסן אײַך פון פײַער,
און האָט אַן אַנדערן געוואָרפן אין דעם פּיסק
פון שײַטערהויפן.
ווען נישט קלעמענט,
ווען ס'וואָלט דער צופאַל נישט געפירט אים אין דער תפיסה,
און ער וואָלט ניט געזען אײַך —
וואו וואָלט איר איצט געווען?

שלמה מולכו:

אין אַ פיל ריינער, בעסער אָרט
ווי דאָ...

דאַ ביביענאַ:

אין הימל, האָ?
ווי קאָנט איר, מולכו, גלויבן אין אַ הימל,
ווען אָט דער בלינדער פּעבל מיינט,
אַז גאָטספּאַרכטיק טוט ער דעם הימלס ווילן
ווען ער באַגערט צו זען אײַער הערלעך לײַב
צעסמאַליעט און צעאַשט אין פלאַמען?
עס האָבן מײַנע דינער מיר דערציילט
מיט וויפיל פרייד-געשרייען
עס האָט דער פּעבל צוגעקוקט
ווי יענער אומגליקלעכער
האָט זיך גענומען בראָטן.
זיי האָבן נישט געוואוסט,
אַז ס'האָט דער פּויפּסט באַפרייט אײַך
באַהאַלטן אײַך אין וואַטיקאַן,
און ס'פײַער האָט אַן אַנדערן געפרעסן.
זיי האָבן ווילד געשריען און געקוויטשעט, —
די פרויען העכער, מער נאָך, ווי די מענער —

אזוי דעם שלמה מולכון!
אזוי דעם דיאַגאָ פּירעסן,
דעם לעסטערער, פאַררעטער פון דעם וואָרן גלויבן!
פּונקט ווי זיי וואָלטן צו אַ סעודה זיך געזעצט,
געקיים באַטעמט געבראָטנס,
באַלעקט זיך מיט דעם בלוט,
און זיך ביז היץ די בייכער אָנגעפּולט
מיט זאַפטיקע, געשמאַקע שטיקער פלייש.
וואָס פאַר אַ לעבן איר האָט אויסגעקליבן!
און איצט אפילו!
איר זייט נאָך אַלץ נישט זיכער דאָ.
מיט יעדן טאָג אַלץ ווייניקער.
עס האָט קלעמענט אייך ליב.
איך, אַנדערע פּרעלאַטן
באַשיצן אייך,
און דאָך, —
די אינקוויזיציע לויערט,
שטעלט פּאַסטקעס אייך צו כאַפּן,
און רוים, אפילו אויך דער טייל,
וואָס איז אַרומגעצוימט מיט אַט די מויערן,
איז נישט געזונט פאַר אייער פוס,
נאָך ווייניקער פאַר אייער קאָפּ.
חדשים אָפּגעזעסן אין געפּענקעניש.
חדשים אין באַהעלטעניש אין וואַטיקאַן —
און ווידער מוזט איר לויפן, זיך ראַטעווען, אַנטרינען.
עס נוצט אפילו נישט,
וואָס אַלע אייערע נבואות זענען —
ווי מאָדנע ס'שפּילט אַמאָל דער צופאַל! —
געשווינד און פּינקטלעך וואָר געוואָרן.
צו וואָס, פאַרפאַלנטער נביא,
צו וואָס זיך אויסגעקליבן אַזאַ לעבן?

שלמה מולכו:

מער מיט זשעסט ווי מיט ווערטער

גאָט!

דא ביביענא:

אַ מאָדנער גאָט.

אַ פּויזע. פאַרטראַכט זיך

נישט מערער מאָדנע דאָך ווי — די,
וואָס דינען אים,
וואָס גלויבן — זיינע נאָזלעכער
באַגערן נאָך דעם ריח
פון אַנדערע צעברענטע גלידער.

שלמה מולכו:

נישט זייער שולד, הער קאַרדינאַל.
נישטאָ קיין וויסן אין זייער טואונג.
די בלינדקייט, די אכזריות זייערע
איז אויך פון גאָט,
דעם גוטן, ליבעדיקן און גערעכטן.
דעם מענטשנס העכסטער גורל אויף דער ערד
איז אָפּצוגעבן זיך פאַר זיינע ברידער,
פאַר נאָענטע און ווייטע,
פאַר אייגענע און פרעמדע,
פאַר וועלט.
און אָן די ברענער —
ווי וואָלטן דען געקאָנט פאַרברענטע זיין?

דא ביביענא:

איר רעדט ווי דאַן די פלאָרענטינער ליגנער,
ווען ס'האָט זייער רשעות
פאַרשיקט אויפן פייער-וואָגן אין דעם הימל —

דעם אַרעמען סאַוואָנאַראָלאַן.
האָט אויך געוואָלט פאַר גאָט אַ קרבן זיין,
און מיט דער הילף פון די פאַררעטער פון פלאָרענץ
האָט ער דאָס זייניקע געהאַט.
און אָט די אויסוואורפן —
זיי זענען גאָטס געשיקטע!
ניין, מולכו, איך פאַרשטיי אייך נישט.
און בעסער וועל איך דעם המון נאָך יאָרן נאַרן,
זיין פאַר דער וועלט אַ קאַרדינאַל,
אַ דינער פון דער קירך און פויפּסט,
ווי זיין אַ הייליקער, וואָס דער המון
זאָל קאָנען קרייציקן.
גענוג שוין איין געקרייציקטער
די וועלט איז פון דאַן אָן
נאָך נישט באַרוהיקט.

שלמה מולכו:

די ווערטער זענען קליידער.
מען דאַרף נישט זיי, נאָר דאָס וואָס זיי באַהאַלטן
באַשולדיקן,
ווען ס'ברענגען אויף דער וועלט זיי פאַלשע מיילער.
שלעכטס-טראַכטנדיקע מוחות.
אפילו נאַרישקייט איז גאָטס אַ וועג,
אפילו פאַלשקייט, שלעכטס.
איר זעט:
אָט זענען גראַדע, פּאַראַלעלע ליניעס צוויי,
זיי טרעפן זיך דאָך קיינמאָל נישט,
עס לערנט אונז אַזוי אייקליד.
און דאָך באַגעגענען זיי זיך יאָ.
פאַראַן אַ פונקט וואָס בינדט צוזאַמען זיי
אין גלייכער צייט.
און ווער ס'קאָן זען, דער זעט און ווייס.

דער פונקט, דער איינער
איז כולו גוטס.
נאָר ס'שוואַכע זען פון אונזער אויג
באַווייזט אונז צוויי באַזונדערע צעטיילטע שורות,
וואָס זענען, מוזן זיין צעטיילט:
דאָס גוטע — שלעכטע.
היינט וואָס איז נאָך אויף יענער זייט פון פינטל!
דאָס פּינטל קומט פון ערגעץ אויך.
דאָרט איז,
דאָרט איז

מיט עקסטאַז

נאָך מער ווי גוטס,
דאָרט — לויטערע און קילע חכמה.
מען דאַרף באַנעמען דאָס:..

דא ביביענא:

און איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט.
און וויל נישט
פאַר מיר גענוג וואָס איך זע,
און שיין די שיינקייט, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.
זי באַט מיר אָן אי שמחה, אי פאַרגעסונג.
אַ שאָד בלויז, וואָס דויערט אַזוי ווייניק:
ווען ס'לעבן וואָלט געוועזן לענגער!
ווען ס'וואָלט די יוגנט נישט געאיילט זיך
מיט שנעלע, שרעקלעך שנעלע טריט
צום ווינטער.
נאָר אויך אַזוי געפעלט די וועלט מיר
און כ'וויל געניסן ס'לעבן.

שלמה מולכו:

רייד קינדישע —
און בלינדע.

דא ביביענא:

באמת אזוי קינדיש ?
און איר, מיין שלמה מולכו,
דער נביא,
דער אָנזעאָגער פון רוימס פאַרפלייצונג
דער וואָרנער פון דעם ערד-ציטער אין ליסאַבאָן
און דער העראָלד פון דער קאָמעטע,
וואָס האָט געשראָקן אלע שעפסן —
פיר-פיסיקע און אויך צוויי-פיסיקע,
איר זייט דען איצטער נישט צופרידן,
וואָס איר זייט נאָך נישט אש,
וואָס ס'פייער האָט געלעקט, געבראָטן
אן אנדער טמא לבוש,
ווי אייערן ?

שלמה מולכו:

כ'בין נישט אזוי צופרידן, ווי ס'דאכט זיך, קארדינאל:
און ווען דער זעלבער טאָג וועט קומען נאָך אמאָל,
וועט נישט קיין פויפסט און נישט קיין אימפעראטאָר
פארמיידן דאָס,
וואָס איז באשטימט פאר מיר,
צו וואָס מיין הארץ וויינט אין געבעט
צו יעדער שעה, צו יעדער רגע,

ווי פאר זיך

זיך אָפּגעבן, זיך אָפּגעבן,
פארגעסונג אין יסורים,
און דורך יסורים — פרייד.

דא ביביענא:

עס קלינגט אייער שטים ווי אין דעם מויל

פון א פארליבטן,
אין יענער זעלטן-זיסער שעה,
ווען איילִיק לויפט ער צו זיין ליבסטער,
און ווייס,
אז זי ווארט מיט דעם זעלבן פלאַטערדיקן הארץ
ווי זיינס.

שלמה מולכו:

אביסל איבעראשט, נאכדענקענדיק

און אויב ס'איז אמת ?
און וואָס איז דען דער גלוסט פון לייב ?
ס'איז אויך נאָר אָפּגעבונג דעם טויט.
ווער ס'מוז עס טאָן דער זאָל: איך וויל —
די פולע אָפּגעבונג.

דא ביביענא:

משוגענע, צעדרייטע רייד.
נאָר אויב עס איז אַלץ איינס,
וויל איך שוין בעסער אָפּגעבונג,
ווי איר פארשענערט עס אויף אייער לשון
אין רונדיק-ווייכע אָרעמס פון א שיינער פרוי.

האלב ציניש

הערט מולכו: האָט איר אמאָל געפילט,
ווי פרויען-אָרעמס האָבן אייך ארומגענומען ?
האָט איר אין זיך אמאָל געזאפּט
די אויגן האלב-געשלאָסן, גאנץ פארנעפּלט
דאָס מויל, א האלב געעפנטס ?
די דורשט צו אייך — ארויף ?

שלמה מולכו:

א פארוואונדערטער

ער, קארדינאל, איר זייט פיל עלטער שוין פאר מיר,

און אייער עלטער האָט נאָך זיך געלאָזט אַ יוגנט,
וואָס האָט געדאַרפט שוין זאַט זיין
מיט וויסן און געניטקייט,
און נאָך זענט איר פאַרטאָן
אין אַלע גלוסטונגען פון לייב.

דאַ ביביענאַ:

נאָר איינס באַוויין איך, מולכו:
וואָס זעלטענער, אַלץ זעלטענער,
פעל איך זיי אויס.
די וואונדערבאַרע וועזנס —
אַלץ ווייניקער זייער קומען,
אַלץ קאַרגער דאָס געשאַנק פון זייער נאָכגעבונג.
און איר, איר, מולכו,
איר זענט דאָך שיין און יונג אַזוי.
ווי מוזט איר וועקן זייערע באַגערן!
זענט איר באמת אזא אכזר
צו זיי, צו זיך?

שלמה מולכו:

שטעלט אָפּ דעם פלוס פון אייערע רייד,
די זינדיקע!

דאַ ביביענאַ:

איר שרעקט זיך, מולכו?
עס פּלאַצן וואו די רייפן פון אייער פאַנצער
דעם אויסגעטראַכטן?
דאָס קלוגע לייב ברענט דורך אין עפנונג
אין דער קרישטאָלן-האַרטער פעסטונג
פון קאַלטן, ריינעם גייסט?

שלמה מולכו:

הערט, הערט:

איך האָב פאַרלאָזט אַ כלה,
די שענסטע פון די פרויען:
שוין לאַנגע זומערס, לאַנגע ווינטערס
פול מיט געראַנגל, פול מיט בענקשאַפט:
און כ'וועל זי קיינמאָל מער נישט זען אין גוף,
מער קיינמאָל נישט.

דאַ ביביענאַ:

משוגענער, משוגענער!
פאַרוואָס?

שלמה מולכו:

ווייל נישט נאָר זי,
נאָר יעדעם פרוי-לייב שוויבערט אויף מיין בלוט
מיט הייסע און פאַרבלענדנדיקע כוואַליעס.
פון קינדווייז אָן האָב איך די אומריינקייט פון זיך
געדאַרפט אַרויסבייטשן.

דאַ ביביענאַ:

די אומריינקייט!
איר בעל-חלומות נאַרישער.
די גרעסטע פרייד פון מענטש,
דאָס העכסטע גליק, וואָס גיט פאַרגעסונג.
ביי אייך איז אַלעם זינד —
אין נאָמען פון אַ וואַנזין:
איך וועל אייך זאָגן אָפן, מולכו:
אַי סאַוואָנאַראָלאַ אונזערער
אַי איר,
און אַלע אַנדערע פאַנטאַסטן פרעמדע דאָ —
איר האָט פאַרדינט מיט אייער לייקענען די וועלט,
מיט דעם באַצווינגען ס'לייב און אַלעם מענטשלעכע,
אַז אַש, נאָר אַש זאָלט איר פאַר דער צייט איר ווערן:

א זינד — דאָס שטאַרקסטע פאַרגעניגן,
דאָס איינציקע, וואָס איז געגעבן אַלע גלייך
דאָ אויף דער גרויזאַמער, אומגלייכער ערד!

שלמה מולכו:

דאָס גרעסטע פאַרגעניגן! פאַרלייקענען די וועלט!
א וועלט, וואו ס'גרעסטע פאַרגעניגן
איז בלינדע תאוה פון דעם לייב,
איז גאָר נישט ווערט דעם מענטש
און כ'וויל פון איר נישט וויסן.
פאַר אָט דער וועלט — גענוג די חיות;
דעם מענטש האָט גאָט אן אנדער גורל אָנגעצייכנט,
ווייל אים האָט ער לויט זיין געשטאַלט באַשאַפן;
דעם מענטשנס פּרצוף — אַלע וועלטן;
א חיה מיט גאָטס פּנים איז דער מענטש:
דער גלוסט פון לייב — די עזות פון דער חיה,
און ס'מוז דאָס פּנים גובר זיין;
די חיה — פאַרטרייבן
פאַרטרייבן!

עס קומט אריין די מאַרקיזין איזאַבעלאַ דיעסטע

מאַרקיזין:

פאַרטרייבן! וועמען — שלמה מולכו?

דאַ ביביענאַ:

די חיה, צו דעם טייוול, גנעדיקע מאַרקיזן.
און מולכו גלויבט,
אז ס'האָט די טייוול-חיה
אַם ליבסטן
ווי פרויען צו ערשיינען,
אונז מענער געטלעכע צו פרוואָון און צו רייצן.

שלמה מולכו:

שווייגט

מאַרקיזין:

איך האָב געמיינט, איך וועל אַמאָל די זכיה האָבן
א לוסטיקן, אן אויפגעלייגטן:
איך האָב געמיינט, איך וועל אַמאָל די זכאה האָבן
פון אים א שמייכל צו באַקומען:
זויל ער נאָך אַלץ נישט זען דאָס שיינע אין דער וועלט,
ער זעלבסט — דער פיינסטער אַרגומענט, ווי שיין די וועלט
קאָן זיין?

צומולכון

פאַר וואָס אַזוי פיל צער
אין אייערע וואונדערבאַרע אויגן, מולכו?

שלמה מולכו:

שווייגט נאָך טרויעריקער

דאַ ביביענאַ:

שטילער צו דער מאַרקיזין

איך פיל אייך מיט, מיין ליבלעכע מאַרקיזין:
איר זענט געווים א קענערין
אויף מענערישער שיינקייט
כ'בין זיכער:
איר וואָלט, מאַרקיזין, נישט געפּאַרשט צו לאַנג די שריפטן
הייליקע דאָרט צו געפונען אַן ערלויבניש צוצוגעבן
דעם נאָמען שלמה מולכו
צו דער פילנאָמענדיקער לוסט פון די,
וואָס האָבן אַלע צוטריטן צו אייער בודואַר געקענט.

מאַרקיזין:

גנאַיוו, אויך שטילער

װען איך בין פּױפּסט,
װאָלט איך נאָך מערער אים געליבט
װי ס'ליבט קלעמענט.

דאַ ביביענאַ:

געװיס גאַנץ אַנדערש, װי דער פּאָטער הײליקער,
נישט װאָר?

מאַרקיזין:

אַך איר עפּיקורעער, נישט פֿאַרריכטבאַרער.
װי װעט מען אײַך דאָרט אין גהינום בראָטן!

דאַ ביביענאַ:

כ'ברען שױן...

הױך

ס'איז צײַט פֿאַר מיר צו גײן:
זײַן הײליגקײט װעט אױפֿשטײן באַלד.
ער װיל מיט מולכון רעדן אױג אױף אױג:
נו קומט, מאַרקיזין, קומט מיט מיר.
אױב כ'בין נישט אַזױ יונג און שײן װי מולכו
בין איך באַרמהערציקער אַ סך.

בײדע נײגן זיך צו מולכון — אָפּ

שלמה מולכו:

װאָס טו איך אין די זאַלן דאָ?
מיט אָט די מענטשן — צו װאָס האָט ס'מזל מיך צונױפֿגע-
בראַכט?

שױן יאָרן זינט איך בין בעל-מופֿת.
און װוּ איך קום — די ברידער טרײסט צו ברענגען
צי צו די גױים,
צו װאָרענען און אױף דעם װעג באַזינען —

מען הערט מיט דאָרשט,
מיט ליבע אָדער מורא.
איך בין בעל-מופֿת.
נענעדיק האָט דער שם
געענטפֿערט אױף מײַן תּפֿילה
און מיר געשײַנט אַנטקעגן
מיט העלן װאָרהאַפֿטיקן זין
און מיט אַנטפּלעקנדן באַשײד.
געבענטשט! געבענטשט!

מיר האָבן זיך געעפֿנט ברײט
די הײלן פֿון דעם שפּעטער,
און כ'האָב געלײענט דײַטלעך,
װאָס איז פֿאַר אַנדערע פֿאַרבאָרגן.
דער שם האָט מיר געפֿאָלגט.

איך האָב זיך אים געגעבן
מיט קלײנקײט װי אַ קינד אַ קלײנס,
און װי אַ קינד האָט עס געטוליעט זיך
צו מיר,
און מיר געװען געהאָרכזאַם,
געבענטשט! געבענטשט!
נאָר עפּעס איז אַ פּגימה אין מײַן זעל
און ס'הױערט בײז אױף מיר אַ קללה.
איך טרעף אױף שלעכטס. דאָס גוטע —,
ס'פֿאַרבאָרגט זיך אַלץ און װיל זיך נישט אַנטפּלעקן.
עס װאַרט די װעלט אױף בשורה טובה אױ ערפֿילונג.
און װעל איך ברענענדיקער נאָר איר דאָרשט פֿונאַנדערצינדן,
און ס'לעבעדיקע װאַסער
נישט געבן איר?
באַגליק! באַגליק!
דו שם דו אַלערהײליקסטער!
מיט צװעלף,

מיט צוויי-און-פערציק,
מיט צוויי-און-זיבעציק —
באַגליק! באַגליק!
ווי דאָן דו האָסט דעם פאָלק באַגליקט
אַנטקעגן פרעהן אין מצרים —
באַגליק אויך מיר אַצינד.

האָסט מיך געפּרובט ביז איצט,
באַגליק אַצינד.
אויב כ'בין שוין ראוי איצט —
באַגליק אַצינד...
און אויב איך בין נישט ראוי —
פאַרטיליק!

און זאָל פאַרשניטן ווערן מיין געביין
פון אַלע דיינע נעמען.
ס'קלענסטע אָדער גרעסטע.

שטויב פון שטויב,
שטויב פון שטויב,
קלענער נאָך.
ווער איך בין,
וואָס איך בין,
גאָרנישט ווייסן,
נישט געדענקען.
אויסגיין,
אויסגיין,
אויסגיין —
אָדער —
טאָן!
ראַנגלען זיך,
מעסטן זיך,
מיט דער טומאָה,
מיט דער גרעסטער,

מיט דער גבורה,
מיט דער שטאַרקסטער.
גיין צו איר,
טרעפן זי,
פנים-גלייך-צו פנים.
מעסטן זיך,
מעסטן זיך,
ווער ס'איז שטאַרקער...

עס קומט אָן פויפּכט קלעמענט דער זיבעכער

קלעמענט:

צו זיך אַליין גאָר רעדסטו, דו גלויביקער בעל-חלום?
אַ נייע צרה זעסטו אפשר
פאַר מיר, דעם פיל געפּרובטן,
אַראָפּנידערן פון דעם מאָרגנס נעפּל-איינגעהילטן לייטער?
צי אפשר דאָס מאָל ווילסטו מיך דערפרייען
מיט גוטע ווערטער, ליכטיקע הבטחות?
שוין צייט.
איך האָב געטרוימט דאָס הויז מעדיטשי
ביז צו דעם העכסטן שפּיץ
פון גרויסקייט און פון רום דערפירן.
מען וואַרפט כסדר מיר אין פנים,
אַז כ'בין אַ ממזר.
איך זע דעם חוזק שטעכן
אין אַלע ליפּן-ווינקלען,
אין יעדער חניפה פון אַ הויפלינג,
אין יעדן קני-בויג פון אַ דינער.
איך האָב געוואָלט פאַרווישן אָט די שמייכלען
מיט אויפהויבן נאָך העכער
מעכטיקער
פון לעאָ דעם צענטן —

מיין שוועסטער-קינד —
די פאָן פון הויז מערימשי.
נאָר אַלץ אומזיסט.
דאָס אומגליק זוכט מיך שטענדיק אָפּ,
ווען כ'וויל אַם מערסטן זיך פון אים באַהאַלטן.
און וואָס איך זאָל נישט טאָן,
און וואָס איך זאָל נישט וועלן —
דאָס בייזע מזל לויפט פאָרויס מיט גיכע שריט,
און שלעפּט זיך נאָך מיט פינסטער-שווערע שאָטנס.
דו הערסט נישט אויף צו ברענגען יעדן טאָג
מיר נייע צייכנס, נייע אָנזאָגן פון שלעכטס.

שלמה מולכו:

נישט איך ברענג אייך די צייכנס.
גאָט וואָרנט אייך.

קלעמענט:

גאָט וואָרנט. נו, געוויס.
דו רעדסט דאָך נאָר מיט גאָט
איז וואָס?
וואָס נאָך?
וואָס פאַר אַ נייע רוחות
באַמיען זיך דעם נאָמען פון קלעמענט דעם זיבעטן
אַראָפּצושלעפּן אין דעם אָפּגרונט,
כדי פאַר אַלע קומענדיקע דורות
זאָל אָט דער נאָמען זיין אַ קללה און פאַרשווערונג?
וויל הענרי פון בריטאַניע די בענדער אָפּרייסן
וואָס האַלטן אים געקניפּט מיט רוים?
האָט וואָולסי, זיין בעל-יועץ, דער קצב-זון
וואָס לעאָ האָט אַ רויטע מיץ געשאָנקען אים
שוין פון זיין אינטריגירנדיקן מוח

אַ נייעם קונץ געשפּינען,
צו שלאָגן מיך,
און זיך נאָך רייכער הערלעכער צו מאַכן?
צי אפשר האָט שוין דער פאַרראַט
פון מאַרטין לוטער
געפונען נייע אָנהענגער
דאָרטן ביי די דייטשן, די באַרבאַרישע,
און רוים וועט אין דעם צפון מוזן לענען זיך
אויף דורכגעברענטע שטעקנס?
צי אפשר פּלאַנט דער קייזער
אַ נייע פייער-פאַן מיט קוילן
צו וואַרפן אויף מיין קאָפּ?
וויל קאַרל ווידער אויפשפּילן אַ קונציקע קאָמעדיע
צו ווייזן,
ווי טיף עס בויגט זיין קאָפּ דער פּאַסטוך פון דעם גייסט
פאַר וועלטלעכער גבורה?
וואָס זאָגט די צוקונפט דיר —
פאַר מיר?
וואָס זאָגט זי, מולכו?

שלמה מולכו:

ענטפערט נישט

קלעמענט:

דו שווייגסט:
נו, גוט.
איך וועל מיין בייזן שיקזאַל
אַנטקעגן גיין שוין אָן נבואות.
איך וועל סיי ווי שוין מער נישט קאָנען הערן,
וואָס פאַר אַ מייסטערשאַפט דו האָסט
אין עפענען די סודות,
וואָס טוליען זיך אין בוזעם פון די שפּעטערדיקע טעג.
מיט געביטענעם טאָן

הער אויס, דו מוזט פאַרלאָזן רוים.
ס'איז שוין מער נישט געזונט
נישט נאָר פאַר דיר —
פאַר מיר —
אז דו זאָלסט לענגער בלייבן דאָ.
מוזט אַפּפאָרן פון דאַנען, מולכו.

שלמה מולכו:

איך ווייס. בין גרייט.
איך האָב אַליין באַשלאָסן שוין צו קלייבן זיך אין וועג.

קלעמענט:

וואוהין? וואו טרייבן דיך די שטערן?

שלמה מולכו:

כ'וועל גיין אהין,
וואוהין מיין גורל פירט מיך.
כ'וועל קלאַפּן אין דער שווערסטער טיר,
אין נאָך א שווערערער,
ווי ס'איז די טיר פון וואַטיקאַן.

קלעמענט:

צו קארלען? צו דעם קייזער?

שלמה מולכו:

ענטפערט נישט

קלעמענט:

און אַלץ צו וואָס?
ווילסטו אויסלייזן דיין פאָלק
און איבעראַנדערשן די וועלט?

דו גלויבסט, דו ביסט גאָטס שליח,
און ער האָט דיך געשיקט
צו רייניקן די וועלט פון אומרעכט און פון טומאָה?

מיט געביטענעם טאָן

הער, מולכו. פאַר וועמען האָסטו אָפּגעוואָרפן;
פון זיך געיאָגט ווי הינט; ווי בייזע;
א לעבן פול מיט גוטס, מיט רום, מיט רייכטום,
א לעבן רייכער נאָך מיט צוזאָגן,
העל-שיינענדע הבטחות?
ביסט יונג, געלערנט, שיין,
קיין ראַנג, קיין כבוד
איז נישט צו ווייט פאַר דיר.
האָסט אַלץ געקאָנט דערלאַנגען.
האָסט אָפּגעוואָרפן
פאַר וועמען?
די יידן?
און זיי?
איך מוז דיך טרייבן איצט פון זיך,
ווייל ס'זענען פול די אויערן פון רוים
מיט זייערע מסירות,
מיט זייערע געשרייען, אז דו פאַרשוועכסט די קירך
און לאַכסט זיך אויס פון אַלע הייליקייטן.
דער יעקב מאַנטין הערט נישט אויף צו שיקן ביטעס
צו אַלע קאַרדינאַלן, בישאָפן,
און דער המון שרייט העכער אַלץ
אַנטקעגן דעם,
וואָס שיצט א יידישן פאַררעטער,
א לעסטערער דערפון,
וואָס ער — דער וויקאַר! — דאַרף דאָך האַלטן טייערער
ווי ס'לעבן זיינס.
די יידן, די ברידער פון דיין שטאַם,

זיי טראָגן דריי־פערטל די שולד דערפאַר,
און בלויז אַ פערטל —
דער אַמבאַסאַדאָר נעטאַ בראַס פון פּאָרטוגאַל.
פאַר זיי, פאַר זיי צעוואָרפסטו אויפן ווינט
דיין שטאַנד, דיין גרויסע צוקונפט?
פאַר אַט די אַלע מאַנטינס?

שלמה מולכו:

נישט אַלע זענען מאַנטינס.
און אויך די מאַנטינס מיינען מיט די הערצער
פיל בעסער, ווי עס זאָגן אייך די טאַטן זייערע,
און ווי עס וועט אייך איינפאַלן —
דערגרונטעווען

קלעמענט:

פאַרטיידיקסט זיי?
אַ מאָרנע פאָלק די יידן דיינע.
ווי שווער מיר איז צו טראַכטן,
אַז דו ביסט זייערער,
אַ ייד,
און נישט אַ פּרינץ פון קריסטנטום,
אַ בראַווער ריטער פון דער קירך!
כאָטש ס'האָט דיין שטאַם גענוג דיר שאַרפע שטיקער
פון זיין פאַרהאַרטעוועטער, שטייניקער עקשנות —
גענוג דיר אין דיין בלוט געוואָרפן.
כ'האָב צייט געהאַט צו פילן אויף מיין אייגן האַרץ
די שאַרפע שפּיצן,
און אויף מיין צונג —
די שטייניקייט,
זינט כ'האָב דיך ס'ערשט מאָל געזען,
זינט כ'האָב דעם פייער אין גאַנץ רוים
פון זייער רויב באַגנבעט.

שלמה מולכו:

דאָס פאָלק מיינס איז נישט שטייניק
און נישט קיין עקשן איך.
איר וועט עס קיינמאָל נישט באַנעמען

קלעמענט:

ס'איז אמת. כ'קאָן אייך נישט באַנעמען.
די יידן זענען אָדער נאַריש,
נאַראָנים, וועלכע ציטערן אַזוי פאַר וואַסער.
אַז בעסער ווילן זיי שוין ברענען,
צי משוגעים.

שלמה מולכו:

איר וועט אונז קיינמאָל נישט באַנעמען.
אַן אַנדער שיקזאַל האָט אונז גאָט געצייכנט,
ווי אייך,
און עפּעס אַנדערש אויסצופירן דאָ
האָט ער אהער געשיקט אונז.
איר, אַלע פעלקער, זענט דאָ בלויז צו לעבן.
מיר זענען דאָ צו קענען גאָט
און זיך מיט אים באַהעפטן.
מיר זענען — אויפצוטרייסלען
די גלאַטע, פליסעדיקע טייכן
פון אייערע טעג און נעכט
איר, גויים, איר האָט לענדער,
מיר האָבן נישט קיין לאַנד.
איר האָט מלוכות —
מיר דאַרפן קיין מלוכה.
און ווייל מיר האָבן גאָרנישט
קאָן קיינער אונזער קיום נישט פאַרשניידן.
מיר זענען דאָ צו לערנען אייך

אַז אַלץ איז נישט,
און נישט איז העכער פיל,
ווי אַלץ.

מיר זענען דאָ דעם ליגן פון דעם גאַר
אינם גאָרנישט צו באַווייזן.
איר לעבט מיט גאַר, מיט פאַלש פאַרבלענדניקן גאַר,
און קאָנט דאַריבער יעדן טאָג פאַרלירן,
מיר זענען אומבאַזיגבאַר.

כ'האָב פיל געהאַט. כ'האָב אַלץ געהאַט.
נאָר יעדער טאָג האָט נייע לעכער אויסגעהוילט
אין דעם, וואָס כ'האָב פאַרמאָגט.
פאַרוואָרפן האָב איך עס.
צוריק צו די, וואָס זייער שליחות אויף דער ערד
איז נאָר צי זיין די שטראַלן פון דעם אמת,
און וואָס כ'ען האָט דאָס — האָט מען נישט,
און האָבן האָט בלויז דער,
וואָס וויל נישט האָבן.
פון אונז קומט דער אַרויס
וואָס איז באַפרייט פון לייב אינגאַנצן,
ווי ס'איז דאָס פאָלק באַפרייט פון אַלע גופעדיקע שטיינער
פון אַ פאָלק,
און ער וועט אויסלייזן
אי ס'פאָלק, אי גאָר די וועלט.

קלעמענט:

און זענען די פון אייך,
וואָס זאַמלען געלט אויף אַלע וועגן, ראָגן,
וואָס האַנדלען, שאַכערן, פאַרשאַכערן,
די מלוהס און חלפנים —

די זענען אויך נאָר אויסלייזערס,
באַפרייט פון אַלע גופעדיקע שווערקייטן?

שלמה מולכו:

דאָס לעבן — לעבן וויל.
די מלוהס און חלפנים —
ווער האָט געמאַכט זיי וואָס זיי זענען?
נישט איר?
אַן שוינונג און אַן מיטלייד,
שטאָק-בלינדע, טויבע צו דעם ווייטאָק
וואָס איר טוט אָן,
בלענדט איר, פאַרבלענדט
און שטעלט אַ פּרייז פאַר יעדן טאָג
פון לעבן.
דאָס לעבן — לעבן וויל
ווען אויך דורך גאָלד-גלאַנץ
פון דוקאַטן.
די מלוהס און חלפנים —
קדושים אַלע,
כאָטש ס'ווייסן עס אַליין נישט די,
וואָס צאָלן אייך פון אַלע לעבנספּרייזן
דעם סאַמע שווערסטן און פאַרצערנדסטן.
קדושים אַלע,
פרוכטבאַר-פעטע ערד,
פון וועלכער ס'וואַקסן אויס די ריינסטע זאָמען,
ביז קומען וועט דער איינציקער.
פון זיי, פון זייער שוים
מוז שטייגן ער.

קלעמענט:

ווען?

שלמה מולכו:

יעטוועדע שטונד קאָן זיין די שטונד,
אויף יעדער שטונד וואַרט יעדער ייד,
דער מלוה און דער הייליקער.

קלעמענט:

רעדסט שיין,
און וואָלט איך נישט געווען קלעמענט,
קאָן זיין עס וואָלטן איצט אַ מולכוס רייד
נישט אויף אַ זיפּ געפאַלן,
נאָר אויף אַ שוואָם.
דאָך שווער די לאַסט, וואָס איר האָט זיך געוויילט..
דו האָסט די שווערסטע
אויף דיינע צירלעך-דינע פּלייצעס זיך געוואָרפן.

שלמה מולכו:

ווער ס'פּילט דעם גרעסטן חוב,
און ווער עס טראָגט פאַר אַלץ אחריות,
פּילט נישט קיין לאַסט.
דער נעמט אַלץ אָן מיט שמחה
און גייט מיט רו און פרייד
אויף דעם באַשערטן וועג

קלעמענט:

איך זע, איך זע, ס'וועט קיינער דיך
נישט אָפּווענדן נישט רעכטס, נישט לינקס.
און ווען דו רעדסט, און מערער נאָך,
ווען הילסט דיין וואָרט אין שווייגן איין,
באַצווינגסטו מיך און נייטסט מיך זיך צו ראַנגלען
מיטן גלויבן.
איך קאָן נישט בייַשטיין דיך.

איך קאָן קוים בייַשטיין ווען ס'איז פון אייערע
איר זענט צו אָפט, צו שטאַרק גערעכט.
און אפשר שלאָגט אָט דאָ
דער הייסער בריענדיקער קוואַל
פון אונזער האָס צו אייך

פאַרטראַכט זיך

איך האָב געגלויבט אויך דעם —
ווי הייסט ער יענער, וואָס האָט זיך אַלס פּירשט
פון אומבאַקאַנטע לענדער אָנגעגעבן?...

שלמה מולכו:

אויפגעטרייסלט

איר מיינט מסתמא דוד ראובנין.

קלעמענט:

יאָ, אים.
אויך אים האָב איך געגלויבט.
מיט צופיל נעצן בין איך דאַן געווען אַרומגערינגלט.
דער האָט גערעדט פון מעכטיקע חיילות
פון זעלנער שטאַרקע, העלדישע —
ווי האָב איך דאַן געדאַרפט זיי!
וואו איז ער איצט? וואָס טוט ער?
דו ווייסט?

שלמה מולכו:

איך וועל אים זען

קלעמענט:

צוזאַמען וועט איר גיין צו קאַרלען?

שלמה מולכו:

שווייגט

דו שווייגסט. נו, גוט.
איך וועל נישט רייסן פון דיין צונג,
וואָס זי וויל וויליק מיר נישט געבן.
גיי, גיי. מוסט גיין פון רוים סיי־ווי,
און וואו דו וועסט דיין פוס איצט ווענדן,
איך ווייס:
נישט אָפּצוּווענדן דיך.

מיט געבּיטענעם טאָן

נאָר שווער איז מיר צו לאָזן דיך
נישט ווייל דו זעסט חלומות
און קריגסט דורך זיי אַ שליסל צו די קומענדיקע טעג
מיך אַרט סיי ווי שוין נישט,
וואָס וועט מיט מיר געשען.
גאַנץ רוים וועט זיכער צינדן גרויסע פייערן
גאַנץ רוים וועט טאַנצן,
ווען ס'וועט די ערד מיין קרישלדיקע מאַכט,
מיין גלאַנץ און פּאָמפּ פאַרשיטן.
איך ווייס נישט וויפיל גוט כ'האָב זיין געוואָלט,
נאָר אַלץ איז שלעכט אַרויסגעקומען.
נאָר דו, נאָר דו,
וועסט פעלן מיר:
כ'האָב ליב צו זען דיך,
אויף דיר צו קוקן,
צו הערן דיך.

רירט אָן זיין האַנט

הער, מולכו, בלייב.
צוריק צו אונז באַקער זיך.
כ'וועל דיך צום הייליקן קאָלעגיום לאָדן,
דיך מאַכן פאַר אַ קאַרדינאַל.
כ'וועל גאָרנישט וועלן.

נאָר זיי מיט מיר.
פאַרבלייב.

שלמה מולכו:

שווייגט, וואָס רעדט פיל מער ווי רעדן

קלעמענט:

ס'איז איבעריק מיין רעדן, כ'ווייס.
כ'פאַרשטיי דיך נישט,
און פרעמד איז מיר דאָס אַלץ,
וואָס דו האָסט דאָ אויף זיך גענומען.
אויך דו פאַרשטייסט נישט מיך.
כ'בין שטענדיק דורכזיכטיק געווען פאַר דיר.
האָסט דורכגעקוקט דורך מיר
צו דיין פאַרנעפּלט־ווייטן ציל
מיך האָסטו נישט געזען,
גיי, גיי.
איך האָב באַזאָרגט,
אַז ס'זאָל בשלום זיין דיין אָפּפאָר.
עס וועט קיין האָר דיר נישט געמינערט ווערן,
ביז דו וועסט זיין אַרויס פון אַלע מויערן פון רוים.
דיין וועג אויך ווייטער איז באַוואָרנט, פריי פאַר דיר.
נו, פאָר געזונט

געזעגנט זיך מיט מולכון, וואָס גייט אַרויס מיט פעסטע טריט. קלעמענט וואַרט ער זאָל אים נאָך צוּוואַרפן אַ בליק, אָבער ער בלייבט אַנטוישט. סלכה פאַרשווינדט. קלעמענט פאַלט שוואַך און טרויעריק אַריין אין אַ שטול

בילד IX

שלמה מולכו,
דור ראובני.

אין וועגעדיג, אין דער וואוינונג פון דוד ראובני

שלמה מולכו:

...עס איז אזוי;
עס איז מיין פעסטער רצון
קיין רעגנסבורג צו פאָרן,
און איר — איר פאָרט מיט מיר.

דוד:

איך האָב דאָרט גאָרנישט וואָס צו טאָן.
כ'מוז בלייבן אין וועגעדיג,
וואו ס'האַלטן מיך פיל וואַגיקע ענינים.
עס האָבן מיר דער דוכוס און סענאַט
געגעבן אויפטראָגן, און כ'מוז ערפילן זיי.

שלמה מולכו:

ס'איז גוט וואָס אין וועגעדיג,
איז נאָך דער צוטרויען צו אייך

ניט אָפּגעטעמפּט.
עס וועט צונוצקומען אין רעגנסבורג, ביים קייסער.
דער קייסער וויל וועגעדיגס פריינדשאַפט
פאַר היילונג צו די וואונדן,
וואָס ס'האָט די פיינדשאַפט אים פאַרשאַפט
פון אַלע זייטן.

דוד:

איך האָב נישט וואָס צו טאָן ביים קייסער,
מיך האַלט מיין ציל דאָ אין וועגעדיג

שלמה מולכו:

דעם קייסערס אויער וועט מיט דאָרשט זיך נייגן
צו יעדן קריגערישן פּלאַן.
און מער ווי ס'אויער נאָך — זיין האַרץ.
איר האָט דאָך פּלענער קריגערישע
ר' דוד,
און ס'זענען שאַרף די פּלענער אייערע
אַנטקעגן טערק.
דער קייסער גאַרט אַ האַלט צו מאַכן
צום רוקן זיך פאָרויס פון טערק
וואָס שפּאַרט שוין אָן ביים טויער
פון קאַרלס מאַכט,
ביים טויער אויך פון גאַנץ אייראָפּע — ווין
דאָ קאָנט איר העלפן מיר,
די טיר צו קאַרלען לייכטער עפענען,
איר גייט מיט מיר קיין רעגנסבורג.

דוד:

וואָס דאַרפט איר מיך?
איר גלויבט דאָך נישט אין קריג.
דאָס שלאָפן — אייער שלאַכט-פעלד

און אייער וואָפן — די חלומות.
עס האָט דער חלום אייך צום ליבלינג פון דעם פויפסט נעמאַכט
זאָל אייך דער חלום אויך צו קאַרלען פירן.

שלמה מולכו:

איר האָט נישט אַלע מאָל געחוזקט
פון מיינע זעאונגען.
און נישט נאָר איר — די גאַנצע וועלט.
געדענקט איר נישט ווי גופא אין ווענעדיג דאָ
איר האָט געפרייט זיך
מיט מיין פאַרויסזען וואָס וועט זיין,
מיט וויפיל שמחה איר האָט הויך גערופן:
„איך, דוד, איך — און איר; ר' שלמה!"?
האָט אייער קאָפּ פאַרגעסן,
ווי הייליק ס'האָט מיך אייער מויל באַשוואוירן
צו האַלטן זיך אָן אייך,
ווייל ביידע וועלן מיר,
אין קוף פון ווילן און פון שליחות אויפגעפלאַכטן
דאָס צוגעזאָגטע ברענגען פאַר דעם פאָלק?

דוד:

איך האָב געגלויבט.
עס האָט מיר אויסגעוויזן,
אז כ'קאָן מיט אייער הילף
אָם שנעלסטן קומען צו מיין ציל.
נאָר איר האָט זיך פאַרנומען אויף אָן אנדער וועג.
אין רוים האָט איר געשטויסן מיך צו שיידונג.
דער קנופּ איז לויז.
דער קנופּ איז מער נישטאָ.
און די חלומות אייערע,
די זעאונגען...

שלמה מולכו:

וואָס איז ר' דוד?
האָט אָפּגענאַרט די וואָר דען דאָס,
וואָס גאָט האָט אין זיין חסד מיר געוויזן?
האָט נישט די וואָר פאַרקינדיגט
די וואָרקייט פון גאָטס רייד?

דוד:

נישט שווער צו זיין אַ גוטער בעל-חלומות
אויף שלעכטן.
וואו זענען אייערע ליכטיקע הבטחות

שלמה:

זיי וועלן קומען. מוזן.
גאָטס וואָרט איז אמת —
וואו זענען די חיילות,

דוד:

ס'האָט קיינמאָל מיין אמונה
נישט אָנגעשפּאַרט צופיל זיך
אָן די פאַרנעפּלטע געוועבן
פון טרוים און זעאונג.
איר האָט מיר פאַר אַ צייט
נעמאַכט צום חלום-גלויביקער.
נאָר ס'איז מיין לעבנסלאַנגער אומגלויבן
איצט שטאַרקער, עקשנדיקער,
צוליב דער שפּייז פון קורצן גלויבן
אין אייך.
איך בין אַ קרינגסמאַן...

שלמה:

מיט אומגעדולד

נענוג דערפון, ר' דוד.
איך וויל אייך אויף דער וואָג פון רעכנשאַפט
נישט שטעלן.
איך האָב אייך קיינמאָל נישט געפרעגט
וואו זענען די חיילות
וואָס האָבן פאַר דער גאַנצער וועלט
געדאַרפט די קראַפט פון אייערע הבטחות
באַווייזן מיט שטורם און מיט גבורה.
איך וויל אויך איצט נישט פרעגן.
איך דאַרף אייך האָבן לעבן זיך
אין רעגנסבורג.
איר גייט מיט מיר, ר' דוד.

דוד:

וואָס ווילט איר דאָרטן טאָן?

שלמה:

מיך פירט אהין די זעלבע האַנט,
וואָס האָט געפירט מיך פון דעם לאַנד פון מיין געבוירן
אין לענדער אַלערליי, קיין צפת, און דאַן קיין רוים.
און ס'רופט אהין דאָסזעלבע וואָרט מיך,
וואָס האָט דורך מיר דער גאַנצער וועלט
מיט צייכנס און געשעענישן אָנגעזאָגט
דאָס קומען פון דעם גרויסן טאָג.

דוד:

דער גרויסער טאָג! דער גרויסער טאָג!
וואָס וועט זיין פנים זיין?
וואָס וועט ער ברענגען?
דער טאָג פאַר אונזער פאָלק
צי פאַר דער גאַנצער וועלט,
וואָס איר ווילט דווקא אויסלייזן?

איך ווייס אַליין נישט וויפיל שלמה מולכוס
עס זענען איצטער דאָ,
און וועלכער רופט מיך צו דעם קייסער.

שלמה:

גאָטס וועג איז איינער —
ער פירט צו איינס.
און זענען שטעגן דאָ אַ סך,
וואָס גיסן זיך אריין אין גרויסן שליאַך,
און הער איך וואו דעם רוף,
באַטרעט איך יעדן שטעג.
איין וועג,
און שלמה מולכו איינער אויך,
און ביידע גאָטס.
נאָר זיינע!

דוד:

וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך זע נישט קיין שום זעאונגען,
און ס'ביטערניש פון וואַרטן
האָט איינגעשלונגען גאָר די זיסקייט
פון אייערע נבואות?
ר' שלמה —
און איר אַליין, איר גלויבט אַליין נאָך?
איר גלויבט, ר' שלמה?

שלמה:

פאַרוואָר, ר' דוד:
וואָס מערער ס'פאַלן געלע בלעטער פון דעם צווייפל
אַרום מיין קאָפּ,
אַלץ שטאַרקער, פעסטער הויבט צום הימל זיך
דער בוים פון מיין בטחון.
ווי אַלץ ביז איצט,

וואָס כ'האָב געזאָגט און וואָס געטאָן,
איז נישט פון מיר געקומען, נאָר פון גאָט,
פירט גאָט אויך איצטער מיך.
עס ברענט אין מיר די דאָרשט
זיין ווילן צו דערפילן,
און וואָס ער וועט באַשערן
דאָס וועט זיין רעכט.
עס וואַקסט אין מיר דער ווילן
מיט יעדער ווייל.
עס שרייט מיין זעל
נאָך פועלן, נאָך דערפילונגען.
איר גייט מיט מיר קיין רעגנסבורג,
ר' דוד.

דוד:

עס וואַקלט מיין בטחון זיך אַלץ מער און מער:
אַם ליבסטן פאָר איך גאָר צוריק
פון וואַנען כ'בין געקומען

שלמה:

נישטאָ קיין קערן זיך צוריק,
ר' דוד.
געדענקט אייער אייגן וואָרט אין ליסאַבאָן:
וואָס מוז זיין — וועט זיין.

דוד:

לאָזט אָפּ, ר' שלמה.
באַפרייט מיך פון אחריות.
איך וויל צוריק.
פונוואַנען כ'בין געקומען.

שלמה:

ר' דוד, הערט:

עס האָט דער גורל,
עס האָט גאָטס טיף-פאַרבאָרגענע כונה
פאַרקניפּט אונז ביידן, מיך מיט אייך׳
כ'האָב פיל מאָל אייך געזען,
און פיל מאָל אייך געפאָלגט.
איר האָט גענערט און מעכטיק אויפגעבלאָזן
אין מיר דאָס פייער,
וואָס ברענגט מיין אינגעווייד מיט אַלץ מער היץ,
מיט גיריקער פאַרצערונג.
נישט איינמאָל האָט איר זיך געפּרובט צו קילן
מיט קאַלטע ווינטן פון געשלאָסנקייט
די שריפה וואָס אין מיר,
פון אייך אַליין געצונדענע.
איך האָב געפאָלגט.
איר זענט געווען רבי,
פון זינט איך האָב דערהערט די שטימע,
גאָט וויל איצט אַנדערש.
עס האָט די שעה געשלאָגן
אַז איר זאָלט פאָלגן מיך:
איר גייט מיט מיר קיין רעגנסבורג,
ר' דוד

דוד:

און דאָרט? וואָס ווילט איר פון דעם קייסער?

שלמה:

קיין זאַך נישט מער,
ווי ער קאָן געבן.
און גאָרנישט עפּעס אַנדערש
ווי ס' האָט באַשערט
דער קייסער פון קייסרים

דוד:

דער קייסער קאַרל איז קלוג און שטרענג.

ער האָט מיט פראַנסואַן פון פראַנקרייך
דער גאַנצער וועלט געוויזן
וואָס ער קאָן טאָן צו די,
וואָס זאָגן שיין אים צו
און לויפן מיאוס אַוועק,
ווען ס'קומט די שעה צו צאָלן.

שלמה:

איך, שלמה מולכו, לויף נישט.
איך קום און ס'ווערט באַשיידט מיין קומען
פון דעם, וואָס שטענדיק איז ער דאָ.

דוד:

און איך?
וואָס דאַרפט איר מיך?

שלמה:

כ'טאָר קיין שום שטעג נישט דורכלאָזן,
וואָס קאָן מיך פירן צו דעם איינציקן באַשערטן וועג
איין שטעג איז אייערער, אייערער בלויז.
איר מוזט זיין ביי מיין זייט מיט אייערע פלענער,
ווען כ'וועל פאַר קאַרלען שטיין.

דוד:

ר' שלמה, כ'בעט איך — נישט באַשטייט.

שלמה:

כ'באַשטיי!
איר זענט מיט מיר געווען, ר' דוד
פון אַנהויב.
פון זינט איך האָב דערהערט די שטים
וואָס האָט מיך דאָ געפירט אויף אַלע וועגן, גראַדע, קרומע,

און צו נסיונות מיך געשטעלט.
עס האָט דער העכסטער רצון
פאַרבונדן אייך מיט מיר ביים אָנהויב,
איר מוזט מיט מיר אויך זיין ביים סוף.

דוד:

ביים סוף!
ביי וועלכן?

שלמה:

דאָס איז דער סוף.
דער לעצטער רינג —
אין דער פאַרהוילן-לויכטנדיקער קייט
פון אַלע פרובעגישן.

דוד:

וואָס מיינט איר?

שלמה:

וואָס מוז זיין — וועט זיין.

דוד:

אַנטפּלעקט, ר' שלמה,
וואָס וויקלט, שפּרייט זיך, לויכט ביי אייך,
אין דער מחשבה.
פאַרנעמען וויל איך,
און וויל אויך גלויבן.

שלמה:

פאַרנעמען וועט איר דאָרט.
נאָר שוין, שוין איצט
מוזט איר דעם גלויבן ווידער האָבן.

דוד:

קוקט אויף שלמהן, ווייל אים דורכדרונגען, אויסגעפינען. גיט נאך אונטער דעם בליק פון שלמה מולכון, וואס זאגט פעסט און באצווינגנדיק

שלמה מולכו:

בטחון, גלויבן —
איר מוזט זיי ווידער האבן.
עס גייט ניט קיין שום זאך פארלוירן.
און האבן מיר, מיר ביידע,
די גרעסטע האפענונגען אויפגעוועקט,
גערופן זיי אין הערצער,
פארצערטע פון יסורים
און גארנדיקע נאך ישועה —
איז נישט אומזיסט.
פון דייטשלאנד, פוילן, בעהמען און פון האלאנד,
פון שפאניע, פראנקרייך און פון פארטוגאל,
און אויך פון צפת,
וואו ס'האט דאס זוכנדיקע ליכט פון גאנצן פאלק
אין איין נר-תמיד זיך צונויפגעשטראלט —
פון אומעטום דערגרייכן יעדן טאג אונז נייע בשורות
פון גלויבן און פון ווארטן,
פון הארציקע און שטארקנדיקע ברכות —
איז אלץ אומזיסט?
אזוי פיל נויט אזוי פיל ווילן
אזוי פיל קדושה —
און אלץ אומזיסט?
דאס זענען זאמען העלקייט,
וואס מוזען אויפגיין — גייען אויף —
מיט אמת און מיט נצח
אין איין באפרייענדיקער גארב פון כולו ליכט.

עס איז דער העכסטער רצון,
אז איך זאל טראגן פאר דער וועלט די גארב.
יהי רצון.
ס'זאל זיין!
און איר מיט מיר.
מיט מיר פון אנהויב —
און איצט מיט מיר.
מאכט גרייט אין וועג זיך תיכף.
אין וועג —
מיט גלויבן און בטחון,
אין וועג —
קיין רעגנסבורג, ר' דוד.

דוד:

איך גיי, ר' שלמה
איך גיי מיט אייך.

ביידע:

וואס מוז זיין — וועט זיין.

בילד X

אין רעגנסבורג, אין קייסערלעכן פּאַלאַץ

קייסער קאַרל 5-טער,
אַלוואַראָ דע לונאַ, הויף-מיניסטער,
ניאַם וואַן-דע-מאַל, קאַנצלער.
מאַרי, קעניגין פון אונגאַרן, קאַרלס שוועסטער.
איזאַבעלאַ, קאַרלס ווייב, קייסערין.
קעניג פערדינאַנד, קאַרלס ברודער.
דוד ראובני.
שלמה מולכו.

קאַרל דער פינפטער

צו מאַרין

נישטאָ קיין אַנדער טרייסט פאַר אַ געטרייער פרוי,
ווען ס'רויבט דער טויט איר דעם געליבטן מאַן,
חוץ דער:
גאָטס ווילן איז עס.
נישטאָ קיין טרייסט, מיין ליבע און געטרייע שוועסטער,
נאָר שטראָף איז דאָ,
און זי איז איצט געקומען
צעשלאָגן איז דער טערק.

דער בראַווער פערדינאַנד,
האָט העלדיש זיינע ווילדע און אומגלויביקע צענטויזנטער
פון ווין פאַרטריבן.
עס פליט איצט סולײמאַן
פון דיינע תבואה-רייכע פעלדער
אין אונגאַרן.
דאָס ערנפעלד פון שלאַכט
וואו ס'איז דיין מאַן, דער קעניג פון די אונגאַרן,
געפאַלן אין אַ רומפולן געפעכט
זעט צו דעם טויט פון זיינע טויטערס,
די טערקנס שענדלעכע מפּלה.

מאַרי:

אַ דאַנק דיר ברודער, גרויסער קייסער,
פאַר וועלן טרייסט געפינען אין אַ צער
וואָס לאָזט נישט טרייסטן זיך,
נאָר וואָס געוועז —
ס'איז אַלץ גאָטס ווילן,
און קיינער טאָר נישט מורמלען
וואָס איצט? וואָס איז גאָטס ווילן אויף שפּעטער? —
דאָס דאַרף זיך פרעגן דער,
וואָס מוז דאָס שלעכטע אָננעמען באַגלייך מיט גוטס
פאַרטריבן איז דער טערק פון ווין:
נאָר ס'גיט נישט לייכט זיך אונטער סולײמאַן:
מיט זשעדנע אויגן און מיט שוואַרצן האַרץ
קוקט ער אויף דיין פאַרשפּרייטער, מעכטיקער אימפּעריע, ברודער.
ווי לאַנג דער טערק וועט בלייבן אין אייראָפּע
וועט נישט באַוואָרנט זיין דיין קריסטלעכע מלוכה
און נישט דאָס קריסטנטום.

איזאַבעלאַ:

די קעניגין פון אונגאַרן, מיין ליבע שווענערין,
האָט דאָ מיין גרעסטער אַנגסט געגעבן פורעם
אין קלוגע און באַטראַכטע ווערטער.
געפערלעך איז די לופט פאַרן קריסטנטום,
די לופט פאַר אונזער הערלעכער אימפעריע,
ווי לאַנג אַ טערקס אַ פוס איז נאָך אויף אונזער ערד

פערדינאַנד:

עס רעדט דער שטאַרקסטער מענער-ווילן.
און אויך דער מענערישסטער אמת,
אָפּט דורך די צאַרטע מיילער
פון דאַמען נאָבעלע, הויכזיניקע.

צו קאַרלען

מיין גרויסער ברודער קאַרל:
נישט וואַרט, נישט קווענקל זיך.
שיק שנעל אַ רוף צו דיינע פעלדמאַרשאַלן
און יעדעס פון די לענדער דיינע:
די נידערלאַנדן, דייטשלאַנד, שפּאַניע, צי איטאַליע —
זיי וועלן אַלע שיקן זייערע בראַווסטע קריגער,
זיך שטעלן פריידיק אונטער דיין מיט רום באַדעקטער פאָן,
און לאָזן פירן זיך צום זיג,
צום טאָג ווען ס׳וועט גערייניקט זיין די ערד פון קריסטנטום
פון לעצטן אומגלויביקן הונט;
צום טאָג, ווען ס׳וועט דער לעצטער טערק
אין ים פאַרטריבן ווערן און נאָך טיפער.
כ׳בין זיכער:
עס וועלן אויך די איבעריקע קריסטן-לענדער
צו הילף דיר קומען.

קאַרל:

איך הער אייך אַלע,

און אייערע ווערטער פאַלן אויף אַ ווילדיק האַרץ.
נאָר ס׳דאַרף אַן אימפּעראַטאָר
צום ווילן נאָך אַ מעלה,
וואָס איז זי נישט פאַראַנען, איז זיין יעדער פּלאַן,
דער בעסטער אויך,
אַ בנין אָן אַ פונדאַמענט.
אָן פאַרזיכט וועל איך קיינמאָל נישט דערלאַנגען
דעם שפּיץ פון מיין געצערטלסטן באַגער,
וואָס איז אויך אייער וואונש:
פאַרבינדן אַלע פּרינצן קריסטלעכע
מיטן פייערגאַרטל פון דעם וואָרן גלויבן,
און אין אַ הייליק-פעסטן בונד אַרויסטרייבן
דעם טערק אויף אייביק פון אייראָפּע.

פערדינאַנד:

וואָס שטערט דיר דען?
וואָס איז די שוועריקייט?

קאַרל:

נישט איינִיק איז דאָס קריסטנטום.
מיין אייגענע מדינה ווערט צעריסן
אין ברודער-שטרייט.
ס׳האָט לוטער אָנגעשאַרפט אַ שווערד,
וואָס שניידט, צעשניידט די איינִיקייט אין דייטשלאַנד.
מלחמה פירט מיין דייטשער פירשט אַקעגן צווייטן:
און מיינע שכנים, די איבעריקע קריסטן-לענדער!
גאָר ווינציק קומען אָן ידיעות
וואָס קאָנען שטאַרקן מיך מיט מוט
און שפּייזן מיט באַוואָרעניש:
דער קעניג פון בריטאַניע, הענרי אַכטער,
איז ווי אַראָפּ פון זינען.

ווייל אַפּנעמען זיין ווייב, די מומע קאַטערינע,
און אויסער דעם באַגער זיין בעט צו טיילן
מיט אַנאַ באָלען, אַ שיינער יונגער הויף־דאַמע,
גייט קיין זאַך אים נישט אָן.
אַ חוץ הבטחות ליידיקע
האָב איך אין לאָנדאָן נישט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן.
פון אַלע נישט באַוואָרנטקייטן
איז רוים, קלעמענט, דער פּויפּסט
די גרעסטע.
עס גיט קיין וואָרט קלעמענט
אָן דער כוונה עס צו ברעכן.
נאָר ס'ערגסטע פראַנסואַ פון פראַנקרייך!
ער האָט מיר קיינמאָל מוחל נישט געווען
וואָס כ׳האָב די קרוין פון קייסערטום
ביי זיין אַמביציע אויסגענאַרט.
נישט נאָר קיין שונא נישט איז ער פון טערק —
ער איז דער שותף און דער פריינד פון סולייִמאַן.
און ס'האָט אָט דער די העזה נאָך,
צו רופן זיך „רעקס קריסטיאַניסימוס", דער קעניג דער אַל־
קריסטלעכסטער.
אַ שווערד אין רוקן,
נישט עפּעס אַנדערש שלייפט כסדר פראַנסואַ פאַר מיר
ביי זיך דאָרט אין פּאַריז.
נאָך נישט די צייט געקומען פאַר דער גרויסער טאַט
מיין בראַווער, אימפּעטיקער ברודער.
געדולדיק שוועסטער מיינע, און אויך דו,
צו איזאַבעלאַן
וואָס דיינע קלוגע עצות בין איך שטענדיק גרייט צו הערן.

איזאַבעלאַ:

עס טראָגן צו־פיל וואָג פון אמת

די רייד דיינע, די פּאַרזיכטיקע,
אַז ס'זאָלן איך, מיין שוואָגער, און מיין שוועגערין
נישט בויגן אין געהאָרכזאַמקייט די קעפּ —
ווי ס'זאָלן נישט די הערצער איילן זיך צום גרויסן זיג
מיר ווייסן גוט,
אַז האַלטסט זיך אָפּ,
נישט ווייל עס פעלט דיר מוט, צי ווילן

פערדינאַנד און מאַרי:

נייגן ביידע די קעפּ אין איינשטימיקייט

אַלוואַראָ דע לוגאַ:

אויב כ'האָב קיין טעות נישט, אייער מאַיעסטעט,
ערוואַרט איר דאָ צוויי יידן גיך, און כ'הער —
זיי טראָגן פּלענער,
וואָס זענען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג
מיט אונזער גרויסן ציל —
פאַרטיליקן דעם טערקס אומגלויביקע ממשלה?

פערדינאַנד:

צוויי יידן? יידן גאָר?
די הילף פון איין אומגלויביקן אַקעגן צווייטן?
פון יידן־הילף — פאַר קריסטנס שונאים?

איזאַבעלאַ:

זיין עקסעלענץ, דער הויף־מיניסטער, שפּאַסט געוויס?

קאַרל:

ס'איז נישט קיין שפּאַס
כאָטש אפשר שפּעטער
וועט אימיץ קאָנען לאַכן.
צוויי יידן האָבן אָנגעלאַנגט קיין רעגנסבורג.

זיי פירן בריף מיט זיך פון פויפסט
און אנדערע געהויבענע און גרויסע לייט.
זיי בעטן אן אוידיענץ.
זיי קומען, זאָגן זיי, מיט וויכטיקע געהיימע פּלענער,
און איך, איך וויל זיי זען.
עס מוז דער גרעסטער אימפּעראַטאָר
זיין אויער נייגן צו דער קלענסטער שטים,
ווען ס'קאָן דערפון ארויסקומען א טובה
פאַר זיינע אונטערטאנען.
כ'ערוואַרט זיי טאקע באַלד, צו יעדער ווייל.
כ'האָב וואן-דע-מאלן
געשיקט צו זיי, צו רעדן, אויסגעפינען.

פערדינאַנד:

אין שפּאניע, מיין געבורט-לאנד,
גלויבט קיינער נישט קיין ייד.
כ'האָב אָט דעם אומגלויבן ארייגעזאַפּט
צוזאמען מיט דער שפּאנישער, געליבטער לופט.
און האָב נישט קיין חרטה.
איך האָף איך וועל נישט פעלן ביים געשפּרעך,
פון וועלכן כ'וואַרט נישט קיין שום פאַרגעניגן
און קיין שום פּעולה.
כ'וועל גיין.

קאַרל:

קאָנסט גיין מיין אָפּענהאַרציקער און קלוגער פערדינאַנד.

צו די דאמען

אויך איר וועט עפּעס אָנגענעמערס געפינען
די צייט די קורצע צו פאַרברענגען,
וואָס איך וויל רעדן מיט די יידן.
עס וואַרט אויף מיר א גלענצנדיקער קרייז פון געסט,
הערצאָגן, פירשטן און אמבאַסאַדאָרן

פון פילע לענדער.
זיי וועלן דאנקבאַר זיין געוויס,
ווען איר וועט אונטערהאלטן זיי
מיט אייער חן און שאַרפזין,
ביז איך וועל זיי עמפּאנגען.

מאַרי:

צען קעגנערישע פירשטן,
צען פיינדלעכע אמבאַסאַדאָרן —
אַלץ בעסער ווי דער בעסטער ייד.
יאָ, כ'ניי מיט פאַרגעניגן.

צו איזאבעלאן

איר קומט דאָך אויך, געליבטע שוועגערין?

איזאַבעלאַ:

געוויס.
א שאָד וואָס ס'וויל דער קיסר איבערטרעפן דאָ זיין גוטסקייט
און דוקא קאָנפערירן מיט די יידן.
מסתמא ווייס ער וואָס ער טוט
אדיע, געליבטע מאַיעסטעט.

פערדינאַנד און מאַריאַ:

צום ווידערזען זיך, קייסער, ברודער.

קאַרל:

מיט גאָטס גענאָד — אדיע!

פערדינאנד, מארי, איזאַבעלא — אָפּ

קאַרל:

צו דע-לוגאָן

זיי וואונדערן זיך, וואָס כ'וויל מיט יידן רעדן

אין די ענינים פון דעם שטאַט:
איך וואָלט זיך אויך געוואונדערט.
נאָר ס'ווייסט נישט קיינער, נישט די נאָענטסטע מיינע,
ווי שווער עס פאַלט צומאָל אויף מיר דער עול
פון הערשן און רעגירן,
און ווי כ'בין גרייט די עצה פון דעם מינדסטן אויסצוהערן,
אַבי ס'קאָן זיין צו גוטען פאַר דעם לאַנד, פאַר גאָט, פאַר מיר.
ס'איז גרויס מיין נאָמען,
כ'בין הערשער איבער לענדער, איבער ימען,
און אַלעקסאַנדער,
אַ שאַרלאַמאַן,
און דאָך —
וואו איז די פרייד, אַלוואַראַ?
אין מאַכט, אין גרויסקייט, אין דעם גאָלד פון קרוינען?
פאַרוואָס איז זי נישט שטענדיק היימיש אין מיין האַרץ,
וואָס שווערט אַזוי נישט זעלטן
מיט טרויער און מיט אומרו?

דע-לוגא:

וואָס וועקט אויף דעם געמיט אייך, מאַיעסטעט?
איך מערק עס נישט צום ערשטן מאָל
ווי ס'טונקלען פלעקן אויפן ליכט פון דעם,
וואָס אים זענען מקנא אַלע קעניגן און פירשטן פון אייראָפּע:
אַ מאַיעסטעט, געליבטער האַר, געבענטשטער מייסטער
פאַרטרויט, פאַרטרויט
אייער אונטערטעניקסטן געטרייסטן קנעכט און דינער:

קאַרל:

נישטאָ וואָס צו פאַרטרויען,
אַלוואַראָ מיין איבערגעגעבענער.
כ'בין אימפּעראַטאָר.

מיין זיידע מאַקסימיליאַן
האָט מיר געלאָזן אַ ירושה,
און כ'מוז זי היטן, אָפּהיטן פון שלעכטס און פיינדשאַפט,
פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך מיר —
אַלס ז י י ע ר רעכטפולע ירושה.
נאָר אָפּט ווי בענקט זיך מיר!
אַוועק! אַוועק!
אַ מאָנאַסטיר, אַ הייליק בוך
און גאָטס דינונג און שטילקייט און אין טונקלקייט.
נאָר גאָרנישט. ס'וועט מיר איבערגיין.
ווער ס'האָט נישט לאַנג צוריק
פון פּויפּסט אליין געלאָזט זיך זאַלבן
פאַר אימפּעראַטאָר רוימישן, פאַר דעם רעגירער פון דער וועלט
דער טאָר זיך נישט פאַרגינען,
אַזוינע לוקסוסדיקע טראַכטענישן,
און אָט איז וואַן-דע-מאַל.

ס'קומט אריין גיאָם וואַן-דע-מאַל

וואַן-דע-מאַל:

נאָט העלף אייך, הויכע מאַיעסטעט,
גאָט העלף אייך, עקסעלענץ:
כ'האָב דעם באַפעל פון אייער מאַיעסטעט
גענוי און פּינקטלעך אויסגעפירט.
זיי זענען ביידע דאָ.
זיי ווילן דווקא רעדן מיט אייער גנענדיקייט.
און ביידע זענען שוויינזאַם ווי די פיש נאָר אויפן טעלער.
ס'איז לייכטער צוואַנציק יידן צו פאַרברענען
ווי ס'איז אַ וואָרט ארויסצוקריגן ביי די צוויי,
נאָר ביידע שווערן,
אַז דאָס, וואָס זיי באַהאַלטן הינטער זייער שוויינן
איז וויכטיק מיט דער וואָג פון גרויסקייט
און נאָך פאַר אויערן קייסערלעכע.

קאַרל:

ווי זעען זיי אויס?

וואַן-דע-מאַל:

דער עלטערער —
אַ שוואַרצער, קליינער טרוקענער
אַ מאָור, אַן אמתער.
ער זאָגט, ער איז אַ פּירשט,
אַ פירער פון אַרמייען,
און ס'האָט דער דוכוס פון ווענעדיג
געפירט מיט אים געהיימע אונטערהאַנדלונגען.

קאַרל:

דער דוכוס פון ווענעדיג!
דאָס מאַכט דעם יידנס וויכטיקייט אַ ביסל גרעסער.
ווען כ'וואָלט ווענעדיג פאַר מיין פריינד געוואוסט!

דע-לוגאַ:

נו, און דער צווייטער?

וואַן-דע-מאַל:

דער צווייטער איז גאָר אַנדערש.
אַ בוים אַ פּרעכטיקער אין פולן בלי
פון יונגער מענלעכקייט.
אים וואָלט פיל בעסער זיך געפּאַסט צו זיין אַ פּרינץ
דעם קיסרס ריטער, נאָבלמאַן
ווי פון דעם שוואַרצן מאָור —
דער פריינד, דער חבר און דער שטאַם-ברודער.

דע-לוגאַ:

און וואָס דערציילט ער?

וואַן-דע-מאַל:
איז שווייגזאַם ווי זיין חבר.
נאָר איך האָב אויסגעפונען:
ער איז געווען דער גרעסטער ליבלינג פון דעם פּויפּסט,
אַ פריינד פון קאַרדינאַלען און פון פּרינצן וועלטלעכע,
און ס'קען אים גוט גאַנץ רוים.
אַ שטערן-זעער, נביא, צי מכשף.
עס זענען פיל פון די נבואות זיינע
געוואָרן וואָר.
ער איז אַלס קריסט אין ליסאַבאָן געבוירן,
געווען באַליבט אין הויף.

קאַרל:
יאָ איך דערמאָן זיך,
געהערט דעם נאָמען, ווען איך בין געוועזן אויף באַזוך
אין סאַנטאַרעם,
ביים שוואָגער מיינעם, יאָאַן פון פּאָרטוגאַל.

וואַן-דע-מאַל:
ער האָט געזאָלט פאַרברענט שוין ווערן,
נאָר ס'האָט קלעמענט אים אָפּגעראַטעוועט.
עס האָט דער פּויפּסט געזאָגט דאַן,
ער דאַרף אים פאַר אַ וויכטיקן, געהיימען צוועק.

קאַרל:
וואו זיינען זיי אַצינד?

וואַן-דע-מאַל:
זיי זענען דאָ, אין פאָדער-זאַל, און וואַרטן,
ס'זאָל אייער מאַיעסטעט עמפּאַנגען זיי גענעריק.

קאַרל:
פירט זיי אַריין!

וואַן-דע-מאַל גייט אַרויס און קומט באַלד מיט דוד ראַרבינן און שלמה מולכון. ביידע אין יום-טובדיקער טראַכט. נייגן זיך, בלייבן שטיין.

קארל:

איך האב געהערט פון אייך.
זיין עקסעלענץ האט מיר דערציילט
וואס ווילט איהר, און וואס האט איר מיר צו זאגן?

דוד ראובני:

איך בין דער עלטערער,
און וועל דער ערשטער רעדן
מיט דער ערלויבניש פון אייער מאיעסטעט

קארל:

רעדט:

דוד ראובני:

איך בין א קריגסמאן,
מיין ברודער איז דער קעניג פון כייבאר,
און איך — גענים אין קריג,
א פירער פון חיילות.
עס דריקט מיין ברודערס לאנד
די מאכט די מוסולמאנישע,
וואס ווערט אלץ שטארקער, חוצפהדיקער.
עס ווייס דער טערק נים אפצושטעלן זיך,
און סיידן ער וועט מורא קריגען,
און סיידן ס'וועט זיין פרעכע קראפט געבראכן ווערן,
וועט קיין שום לאנד נים פריי זיין פון סכנה,
נים אין אייראפע, אזיע אדער אפריקע.

קארל:

דאס ווייסן מיר אן אייך,
וואס קאנט איהר אונז אזוינס דערציילן,
וואס איז אונז אומבאקאנט?
צו דעם אליין נאר האבן מיר באוויליקט
צו געבן אייך אן אודיענץ.

דוד:

איך קום דערצו באלד, מאיעסטעט.
איך בין א מענטש פון קורצע ווערטער
און קלאר אן איבעריקע רייד
וועל איך מיין פלאן דערציילן
און בעט אייער מאיעסטעט מיך אויסצוהערן.

קארל:

רעדט.

דוד:

פאראנען טויזנטער, צענטויזנטער פון מיינע ברידער
אין אייערע ממשלות,
אין שפאניע, אין איטאליע און אין די דייטשע לענדער.
פאראן פיל יונגע, שטארקע יידן,
וואס זענען אייך אן עול, א ניט-געוואונשענער,
און זיך אליין א ווייטיק און אן אומגליק
ס'איז אונזער פלאן:
באוואפנט זיי, גיט זיי געווער און קאמאנדירן
און שיקט זיי קעגן טערק.
ווען ס'וועט אט די פון אייך געשיקטע יידישע ארמיי
דעם פיינד באפאלן פון איין זייט,
וועט פון דער צווייטער אטאקירן אים
דאס אויספראבירטע חייל פון מיין ברודער,
וואס איך אליין וועל קאמאנדירן.
מיר פעלן נאר הארמאטן —
דאס דארפט איר אויך אונז געב
דאס איז מיין פלאן.
נוצט אויס די קריגער-קראפט פון די
וואס זענען אייך א דארן און אונז א דערנער-קראנץ.
איר וועט פאר זייער העלדישקייט אונז דאנקבאר זיין

קאַרל:

קוקט זיך באַדייטונגספול איבער מיט דע-לוגאָ און וואַן-דע-מאַלן. אַלע דריי קענטיק איבעראַשט.

עס וועלן יידן שלאָגן זיך, מלחמה פירן,
אַט די, וואָס זייער וואָפן איז נאָר געלט,
וואָס ווייסן נאָר צו קויפן זיך אַ טובה
און אויסקויפן אַ רעה?

דוד:

מיין לאַנד, דאָס לאַנד פון וואַן איך קום,
איז פול מיט יידישע מלחמה-לייט,
מיט בראַווע און געשיקטע העלדן.
און יענע יידן, מאַיעסטעט,
וואָס איר קענט זיי פאַר הענדלער און פאַר געלט-מענטשן —
אין זייערע הערצער שלאָגט דאָס זעלבע בלוט,
וואָס האָט די שטאַרקסטע רוימישע לעגיאָנען
באַזיגט און אָפּגעשלאָגן.
דאָס זעלבע בלוט, וואָס האָט דעם נאָמען מאַקאַבעער...

קאַרל:

יאָ, יאָ, די מאַקאַבעער.
כ'האָב ליב צו לעזען וועגן זיי.
דאָס מאַקאַבעער-בוך איז מיר פון אַלע שריפטן
דאָס נאָענטסטע, געליבטסטע.

פויזע. טראַכט.

און וואָס וועט איר,
וואָס וועלן אייערע יידן
פאַרלאַנגען פאַר דעם זיג,
וואָס ס'פעלן קענטיק אייך די פאַרבן
צו שילדערן אים?

דוד:

מיר וועלן בעטן, אַז דאָס לאַנד פון אונזערע אָבות,
דאָס לאַנד, נאָך וועלכן ס'הערט מיין פאָלק ניט אויף צו בעטן
שוין פופצן הונדערט יאָר,
זאָל אונז דאַן אָפּגעגעבן ווערן פאַר אַ היים,
וואו אַלע יידן זאָלן קאָנען זיך פאַרזאַמלען
און דינען אונזער גאָט.
ווי ס'הייסט אונז אונזער גאָט.

קאַרל:

וואָס?
איר ווילט ס'זאָל אייך געגעבן ווערן
דאָס לאַנד, וואו ס'רוט אין שטראַלעדיקן רום
דער אַלערהייליקסטער, געבענטשטער קבר,
דאָס לאַנד, וואו ס'ליגט אינאיינעם מיט דעם קבר
דאָס האַרץ פון יעדן קריסט?

דע-לוגאָ:

צו וואָס אַ ייד קאָן זיך דערטראַכטן?

וואַן-דע-מאַל:

כ'האָב אַלץ פון זיי ערוואַרט,
נאָר דאָס — ביי גאָט! — דאָס ניט!

שלמה מולכו:

טרעט אַרויס שטאָלץ און געלאַסן

מיר זענען נישט געקומען בעטן, בעטלען
מיר פאָדערן אַצינד דאָ אונזער רעכט.
איר מאַיעסטעט, איר טראָגט די קרוין פון רוים,
עס האָט אַ גענעראַל פון רוים
ביי אונז דאָס לאַנד גערויבט.

איר זענט אַ חוב אונז שולדיק,
חוב דערפאַר אויך, וואָס זינט דאַן
האָט איר, די יורשים טיטוסעס
קיין טאָג פאַר אונז ניט אויפשיינען געלאָזט,
אַז ס'זאָל די זון פון אייך פאַרשעמט ניט ווערן
דורך אייער פייניקן און מאָרדן
דורך אייער רויבן, דריקן אונז.
איר טראָגט אין זיך אַ חוב צו אונז,
און ס'ווערט אַ חוב דערפילט אַם בעסטן
דורך צאָלונג.

דע-לוגאַ:

ווי פרעך ער וואגט צו רעדן צו זיין מאַיעסטעט
אָט איז זי, די באַקאַנטע חוצפה פון די יידן!

וואַן-דע-מאַל:

דאָס אויסזען זיינס, דאָס אויסזען!
ס'איז ניט גענוג אים וואָס עס מאַכט אים שטאָלץ,
עס גייט אים אויך נאָך פרעכקייט צו.

קאַרל:

געלאַסן מיינע הערן.
ס'האָט פרעכקייט אָפט אַ מאָדנע טבע,
וואָס כאָטש זי שאַרפט די שווערד פון כעס
אין האַרץ,
שפּיצט זי אויך אָן די אויערן
פון ניינעריקייט.
רעדט ווייטער.

שלמה מולכו:

מיר ווילן אייערס נישט.
מיר ווילן אונזערס נאָר צוריק.

און איר מיט אייערע מעשים —
איר קומט עס אונז.
איר קומט אונז ענדלעך רו.
איר האָט גענומען — גיט צוריק.

דע-לוגאַ:

זענט איר דען טויב, איר פרעכער ייד?
האָט איר נישט ערשט פאַרנומען פון דעם קייסערלעכן מויל,
אַז ס'ליגט אין יענעם לאַנד פון דעם געבענטשטן קבר
דאָס האַרץ פון יעדן קריסט?

שלמה מולכו:

גבלאַסן און פעסט

נישט נאָך דעם קבר בענקט איר, קריסטן.
איר ווילט דאָס לאַנד,
דעם שליסל און דעם שלאָס צו קאָנטינענטן דריי,
כדי צו מאַכן גרעסער אייער !הערשאַפט,
די מאַכט פון רויב און זינד און גאָטלאָזיקייט.

קאַרל:

אויפגעקאָכט

האַלט איין! באַזינט זיך, ייד!
ס'האָט אויך אַ מילדער אימפּעראַטאָר
אַ גרעניץ צו געדולד.

וואַן-דע-מאַל:

פאַרגעסט אינגאַנצן שוין דער ייד
פאַר וועמען ער שטייט אַצינד!

דע-לוגאַ:

פאַרשטייט נישט, אַז אַ וואָרט פון קייסער,
אַ הויב פון זיינס אַ פינגער

און ווי וועט זיין צו אים.
ס'וועט קיינער אים פון פייער מער ניט ראטעווען.

שלמה מולכו:

מיט שטראַלעדיקן שמייכל

איך האָב קיין מורא ניט פאַר מענטשן
און ס'שרעקט מיך נישט קיין שטראָף.
קיין פייניגונג.
און איך פאַרגעס אויך ניט
פאַר וועמענס פנים כ'שטיי אַצינד,
אַצינד, און נעכטן אויך, און מאָרגן,
און אייביק.
צו אים — מין ליב, די אָרעמע, די שפּינוועבס-הילע
צו אים — מיין זעל,
דער ניצוץ פון זיין שטראַלנדיקן טראָן:

אין פלוצלינגדיקער עקסטאַטישער באַרגעסונג

זאָל קומען שוין,
זאָל קומען שוין,
ס'באַשערטע און געגאַרטע.
אַ פרייד, אַ גרעסטע שמחה פון נישט-ווערן
באַהעפט זיך שוין,
פאַראייניק שוין
מיט זיך.

קאַרל:

צעטומלט פון שלמהס פאַרענדערונג

וואָס מיינען אָט די רייד?
כ,פאַרשטיי איצט גאָרנישטמער.

קוקט אויף דודן, וואָס קיקט מיט וואַקסנדיקער אומרו אויף שלמהן, קוקט אויף שלמהן, וואָס איז ווי ניט דאָ.

צו דודן

נו, זעצט זיך צו, באַרוהיקט זיך.

און קלערט מיר אויף דעם זין
פון אייערע נישט-קלאָרע און צעדרייטע ווערטער.

צו דודן

אויך איר נעמט פּלאַץ.

דוד זעצט זיך. קוקט מיט אַנגענדיקער אַנגסט אויף שלמהן, וואָס בלייבט שטיין.

שלמה מולכו:

ערוואַכט מיט געביטענעם טאָן

עס גאַרט נאָך אויסלייזונג די וועלט.
עס גאַרט די הילפלאָזע, פאַרבלאָנדזשעטע, פאַרנאַרטע ערד,
ס'גאַרט יעדער מענטש אויף איר און יעדע בריאה.
זי קומט, פאַרוואָר, זי קומט.
און ווען זי וועט איר גאָלדן לויטער פנים דאָ באַווייזן
וועט אַלעם אַנדערש ווערן
און יעדער וועט פרעגן:
ווי האָט געקאָנט זיין פריער דאָס וואָס איז געווען?
עס וועלן אַלע ברידער זיין פאַר אַלע,
און קיינעמס וועט די ערד ניט זיין, נאָר גאָטס,
אַ מוטער אַ געטרייע צו די קינדער,
איין ערד — איין לאַנד פאַר אַלע.
און אמת וועט דער פאַנצער זיין פון לאַנד
און ליבע — די געבענטשטע שילד.
קיין לענדער און קיין פעלקער.
קיין קריג, קיין האַס און קנאה.
איין ברודער-שטאַם, איין גאָט-געבוירענער
איין ערד — איין היים,
אָן גרעניצן, אָן זשערנעקייט.

קאַרל:

וואָס מער איר רעדט,
אַלץ ווייטער לויפט אַוועק דער אַנהויב פון אייערע רייד.

ביז באַלד און כ'זע אים גאָרנישט מער.
אַט האָט אייער חבר,
ערשט דאָ געצייכנט פּלענער פון מלחמה,
פון מאַכטיקע געזעמלען פון חיילות
אַט ערשט האָב איך געהערט
געקלונגען פון וואָפן,
געשטורעמט פון בלוטיקע געפעכטן,
טריאומף-געשרייען פון די הערלעכסטע נצחונות.
כ'האָב אויך געהערט פון אייך אַליין
די דרייסטע פאָדערונג,
אַז דאָס באַגערסטע לאַנד פון קריסטנטום,
וואָס לײַדט אַצינד אין זינדיקער געפאַנגענשאַפט בײַם טערק
זאָל אייך אייער פאָלק,
געגעבן ווערן ווי אַ גוט פאַרדינטער חוב.
און איצט, איצט רעדט איר וועגן שלום
און וועגן קעניגרייך פון גאָט דאָ אויף דער ערד,
אָן גרענעצן, אָן שנאה און אָן קנאה.
כ'פאַרשטיי אייך נישט.

שלמה מולכו:

גאָטס וועגן זענען אומפאַרשטענדלעך
ביז דער וואָס וויל פאַרשטיין,
איז גרייט, אַז ס'זאָל גאָטס ווילן פירן אים.
פאַרנעמט, פאַרנעמט,
איר גרויסער הערשער פון דער ערד:
ס'איז אָנגעזאַפּט די וועלט מיט זינד,
דאָס רשעות פלייצט אַרויס פון אַלע רייפן שוין
דאָס שלעכטס, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן
זוכט אויך,
מוז קריגן אויך אַ תיקון:
ס'וועט אויפגיין, אויסאָטעמען זײַן בייזן הויך

אין איין מהפכה,
אין איין פאַרצערנדיקן בראַנד,
פון מאַוימדיקע, גרויזאַמע מלחמות.
וואָס איז, מוז אויפהערן, מוז אומקומען אַפריער —
גאָטס קעניגרייך זאָל קומען אויף אַן ערד
וואָס וועט זײַן נײַ, געריייניקט, אויסגעלייזט.
דאָס איז גאָטס ווילן.
און ס'דאַרף דער מענטש זײַן מענטשלעכן באַגער
מיט גאָטס באַהעפטן,
פאַרגיכן די ערפילונג.

קאַרל:

סאַרקאַסטיש

און ווען ס'וועט גאָר די הערשאַפט אויף דער ערד
פאַרטיליקט ווערן אין דעם פייער פון מלחמה,
ווען ס'וועט דער סדר-העולם פון אַצינד,
צעריסן, אויסגעריסן ווערן מיט די וואָרצלען,
וועט איר, איר ידן זײַן אין אייער לאַנד,
באַפעסטיקטע, באַוואָרנטע.
דערפאַר פאַרלאַנגט איר שוין פאָראויס
אַ צוזאָג, אַז ס'איז אייערס?
דאָס איז גאָטס ווילן אויך,
וואָס דאַרף דער מענטש פאַרגיכן אים?

וואַן-דע-מאַל:

ווי גוט ס'פאַרשטייט די ביטערקייט פון ייִד
זײַן מאַיעסטעט, זאָל ער געבענטשט זײַן!

שלמה מולכו:

ניט הערנדיק

עס קאָן די וועלט נישט ווערן אויסגעלייזט
בל זמן דאָס לײַדנדיקסטע פאָלק,

וואָס יעדע רגע פון זיין לעבן ווערט געהייליקט
מיט חייטיק פאר דעם אלערהעכסטן נאָמען,
וועט נישט זיין אויסגעלייזט דורך זיינע פייניקער:
אין אלע לענדער האָט איר זיך צו אונז
פאַרזינדיקט.
אין אלע לענדער האָט אייך גאָט מיט אונז
געפּרואווט.
ס'איז אונזער שיקזאַל
דער ברענענדיקסטער סם אין אייער בּלוט:
באפרייט זיך פון סם.
באזיגט דאָס אומפאַרמיידלעכע,
באשטראַלט מיט גוטס דאָס רשעות פון מלחמה,
וואָס איר מיט אייערע בייזע מעשׂים
ברענגט רק אויף זיך אליין, פאַרבּלענדטע.
דאָס איז גאָטס ווילן

קאַרל:

און קיין שום זאַך קאָן מער נישט אָפּווענדן
דאָס אומפאַרמיידלעכע?
מלחמות, אומגליקן —
דאָס אלץ שיקט גאָט,
דאָס אלץ — באַשטימט, פאַרזיגלט?

שלמה מולכו:

קוקט אים אָן, פאָרשט אין קאַרלס אויגן

ס'איז גאָטס כונה — גוטס, בלויז גוטס:
נאָר ס'האָט דער מענטש פאַרזינדיקט דעם גערעכטן וועג.
עס מוז דאָס רשעות מיט נאָך גרעסערן,
דעם גרעסטן רשעות
געלייטערט ווערן:
עס וויינט דאָס הארץ פון אלע וועלטן
אויפן בּלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן אין דעם טמאדיקן מוז:

נאָר ס'זעט דער קאָפּ,
ער זעט אויף יענער זייט פון דער זייט,
און זאָגט:
עס מוז, עס מוז —
געהייליקט אויך דער מוז.
נישט אָפּצוווענדן — סיידן...

קאַרל:

וואָס? — סיידן וואָס?

שלמה מולכו:

די גרעסטע שולד
דורכן גרעסטן קרבן אויסקויפן.
א נס, א נס דאָ אויף דער ערד:
א נס.
אנטפּלעקונג.

קאַרל:

אינטימער

וואָס מיינט איר?
זעצט זיך, כ'בעט אייך:
שלמה בלייבט שטיין

א נס, אנטפּלעקונג,
אָט דאָס געהערט צו גאָט:
אין זיין גענאָד — אי וואונדער אי אנטפּלעקונג

שלמה מולכו:

נישט אויבן נאָר דאָס רייך פון נסים.
אויך דאָ.
ווי אויבן אזוי אונטן:
אזן ס'פּאָדערט אויך די ערד פון אירע קינדער

דעם גרויסן קרבן פון א נס:
דאָס שווערסטע, פאַר די מענטשן נישט פאַרשטענדלעכע,
דאָס נישט ערוואַרטע, דאָס אוממעגלעכע!
דורך פולער אָפּגעבונג —
דאָס העכסטע זוכה זיין.
ווער ס'האָט נישט מער ווי ס'לעבן זיינס —
דאָס לעבן אָפּגעבן מיט שמחה:
ווער ס'האָט די גרעסטע הערשאפט —
אוועקלייגן מיט פרייד און פרייען ווילן צו די פיס
פון קליינע קינדער.

קאַרל:

רעדט קלאָרער אום גאָטס ווילן.

שלמה מולכו:

ווער ס'פילט נישט קלאָר —
ווי קאָנען אים די קלאָרסטע ווערטער קלערער מאַכן?
די גרעסטע זינד
איז הערשאפט, מאכט פון מענטש אויף מענטשן:
די גרעסטע זינד,
די גרעסטע שולד:
מער מאכט, מער דריקונג —
עס גלוסט דערצו אַלץ מער דער מענטש
וואָס איז צופיל פאַרמענטשט געוואָרן,
און ווערט אַלץ מער אַן ערדישער,
א שענדער פון דער ערד.
און נישט גענוג די פלאַך פאַר אים, —
די פלאַך, וואָס ער האָט אָפּגעמאָסטן און צעשניטן און פאַרכאַפּט.
ער גראָבט אריין זיך אין דער אינגעווייד
און שלעפּט ארויס פון שוואַרצן נעסט
דעם שטומען, שלומערדיקן דומם,

און שמידט געווער
צו טויטן און באַהערשן,
ביז ס'ברענט די ערד פון איין עק ביז דעם צווייטן
מיט רויטע שטראָמען
פון גאָטס פאַשוועכטן, פליסעדיקן לעבן.
ס'דערווייטערט זיך אַלץ מער דער מענטש פון הימל
און בויט א וועלט א דוממדיקע,
אַן אייגענע, פאַרמענטשטע, גאָט פאַרגעסענע:
דאָס גאַנצע לעבן אייזן,
דאָס האַרץ, די זעל אין אייזן,
ביז ס'וועט דער מענטש באַלד פליען ווי די פייגל
מיט פליגלען אויך פון אייזן:
נאָר הערט איר הערשער פון דער ערד:
וואָס העכער אַלץ איר פליט,
אַלץ ווייטער רייסט איר זיך פון זיך,
פון אייער גאָט-געקושטן שורש.
דער חשכדיקער דומם
וועט שווערן אייך אראָפּ,
וועט ציען זיך צוריק צום אָפּגרונט,
און אייך מיט זיך פאַרשלעפּן:
און וואָס, — די ערד-געבויטע מאכט:
די מענטשלעך-אַרצישע ממשלה:
נאָר שטויב און פינסטערניש.
דער מינדסטער ווינט פאַרטראָגט זי.
אימפּעריעס נאָך אימפּעריעס שוין געפאַלן
ממשלות נאָך ממשלות
אין אַש, פאַרגעסנקייט צעריבן.
און ס'טרינקט זיך מער און מערער אַלץ דער זינדיקער...

קאַרל:

ווי פאַר זיך

די שטים פון מיינע אייגענע ממשלות

עס רעדט מיין אייגן הארץ,
דורך אים,
ווען ס'איז מיין אייגנס.

שלמה מולכו:

די מאכט פון ערד איז שטויב —
צו שטויב זאָל זי דער מעכטיקער אַליין פאַרשיקן.

קאַרל:

וואו פירן אייערע רייד,
אָ, אומבאַקאַנטער נביא?
עס שאַלן אייערע ווערטער
און ס'דאַכט מיר, כ'הער דאָס פאַלן
פון מיין מלוכה.
אַט ערשט געוועזן אימפּעראַטאָר,
געביטער איבער לענדער.
און איצט — וואָס טוט זיך עס מיט מיר?
אַלץ וואַקלט זיך, אַלץ פאַלט.

שלמה מולכו:

זאָל פאַלן! זאָל פאַלן!
אַליין עס אומוואַרפן, מיט ערד פאַרגלייכן.

פויזע

איך קוק אויף אייך, אָ, אימפּעראַטאָר.
אין איינע יאָרן דאָך מיט מיר —
און קאָן דער אמת דען נישט גובר זיין
דעם קורצן שטח,
וואָס טיילט מיין האַרץ פון אייערן?

קאַרל:

וואָס ווילט איר, זאָגט, פון מיר?

שלמה מולכו:

ווער ס'האָט זיין לעבן בלויז,
זאָל ס'לעבן אָפּגעבן מיט שמחה:
און ווער ס'האָט די גרעסטע הערשאַפט
זאָל זי מיט פרייד אַליין אוועקלייגן.
מיט אייגן-פרייען ווילן
צעשליידערן די ווענט פון נאַקעדיקן חומר.
דאָס בלענדעניש פאַרשטויסן,
דעם גייסט אַנטפּלעקן, רופן, וועקן אים.

קאַרל:

דער גייסט! דער גייסט —
וואו איז זיין נעסט?
כ'וואָלט ווי אַ פויגל-קינד צו אים געפלויגן,
זיך צו זיין אמתדיקער ווארעמקייט געטוליעט,
ווען איך זאָל ווייסן, וואו מען קריגט די פליגל,
און ווייסן אויך, וואָס איך דאַרף טאָן זיי צו מיין חומר
אָנצוהעפטן.

שלמה מולכו:

טאָן דאָס, וואָס זעט פאַר אייך אַליין דאָס שווערסטע אויס,
אויף וואָס עס וועלן אַלע אייערע נאָענטסטע
געליבסטע, אייגנסטע,
מיט שרעק און צאָרן זאָגן:
משוגע! משוגע!

קאַרל:

מיר דאַכט זיך אַז כ'האָב שוין פאַרלוירן מיינע קלאָרע זינען.
בין שוין אויך נישט משוגע ווען איך פרעג:
וואָס הייסט איר מיר?

שלמה מולכו:

נישט איך הייס אייך:
ס'איז גאָטס באַפעל צו אייך,

איר הערשער פון דער ערד:
פאנאנדערלאָזן די אימפעריע,
קיין לענדער, גרענעצן,
קיין הערשער און באהערשטע.

קאַרל:

אין אַן אָנשטרענגונג זיך אַרויסצורייסן פון כשוף, וואָס האָט אים פאַרוועבט

און די יידן?

שלמה מולכו:

דאָס איז דער רוף פון ייד,
דער רוף וואָס גאָט האָט אים געוויילט
צו ברענגען צו די פעלקער,
און אָנזאָגן דער וועלט:
ס'דאַרף קיינער נישט קיין לאנד,
קיין וואַרעמען און אייגן-אָפּגעצוימטן ווינקל,
ווען ס'טוט די ערד אליין דעם נס.
ס'וועט זיין ירושלים אומעטום.
נישט פון דער ערד —
פון הימל.

קאַרל:

בלייבט פאַרזונקען אַ ווײַלע. לענגערע פּויזע. מולכו, עקזאַלטירט, באַנייט דעם רעפרען: „ווער ס'האָט זיין לעבן בלויז"... קאַרל וואַכט אויף: קוקט אויף שלמהן מיט באַוואונדערונג, מיט ליבע. קוקט לאַנג און דאַן — ציט אַנטשלאָסן

ס'איז אָדער — אָדער
דער ייד — אָדער דער הערשער פון דער ערד,
דער אימפעראַטאָר.
צו ענג אָט דאָ פאַר ביידן.

פאַרטראַכט זיך ווידער און זאָגט דאָס אומגאַ־מיידלעכע צו וואַן־דע־מאַלן

ניאָם! די וואך! פאַררוף די וואך אהער.

וואַן־דע־מאַל לויפט אַרויס. ראובני שטייט אויף מיט אַנגסט, מיט חשד. מולכו רוהיק, שטראַלנדיק־ערוואַרטנדיק. דע־לוגאַ — נייגעריק — אומרוהיק. כּאַרטאַיעטע שטילקייט.

וואַן-דע-מאַל:

קומט אַריין מיט זעקס באַוואָפנטע סאָלדאַטן און אַן אָפיציר. זיי בויגן זיך פאַר קאַרלען

צו אייער דינסט, גענעדיקע, געליבטע מאַיעסטעט!

קאַרל:

צום אָפיציר

הערט: אַרעסטירט זיי ביידן, שמידט אין קייטן,
און שטעלט זיי גלייך צום הייליקן געריכט
אָט דעם

ווייזט אויף מולכון

פאַר הויך-פאַרראַט און לעסטערונג פון גאָט און קירך,
פאַר קאָנספּירירן קעגן אימפעראַטאָר
און זיין מלוכה.
און דעם

ווייזט אויף דודן

פאַר העלפן אים.

די סאָלדאַטן מיט בלאַנקע שווערדן רינגלען אַרום שלמהן מיט דודן

דע-לוגאַ:

מיט ניט איינגעהאַלטענער שמחה

אזוי! אזוי! געבענשט זאָל זיין אייער מאַיעסטעט.

רעם שייטערהויפן —
נאָר דאָס פאַרדינען זיי!

וואן-דע-מאל:

און זאָל מען אָט דעם יונגן חצוף!
דאָס מויל פאַרבינדן אויפן וועג.
זיין צונג קאָן זיין געפּערלעך אויך אין פייער.

שלמה מולכו:

שוין ביים שוועל

ווער ס'האָט זיין לעבן בלויז
זאָל דאָס לעבן אָפּגעבן מיט שמחה.
ברען, פלאַם,
ברען, — ריינינק
פאַראייניק.

אָ

קאַרל:

ווער איז דער זיגער דאָ?
נישט איך:
ווייל איך —
דאָס הארץ פון פּאָנטיוס פּילאָט
איז נישט געווען שווערער פינסטערער,
ווי מיינס אצינד:
און כ'האָב צומאָל נישט יענעמס תירוץ...

פאָרהאַנג.